# דער
# פרשה קוואל

צוזאמען גענומען
פון די שמועסן פון

מורינו הגה"צ
רבי אברהם אלימלך
בידרמן שליט"א

בהר - בחוקותי

מכון
באר האמונה

בס"ד

# דער פרשה קוואל

פאר קאמענטארן און הערות:
mail@derparshakval.com
718.484.8136

פאר גרעסערע באשטעלונגען (USA):
Wholesale@BeerEmunah.com

באקומט די גליונות וועכענטליך אין אייער אימעיל בחינם

## זיך איינצושרייבן

לשה"ק
**באר הפרשה**
subscribe+subscribe@beerhaparsha.com

אידיש
**דער פרשה קוואל**
yiddish+subscribe@derparshakval.com

אנגליש
**Torah Wellsprings**
Torah+subscribe@torahwellsprings.com

היספאניש
**Manantiales de la Torá**
info+subscribe@manantialesdelatora.com

פראנצויזיש
**Au Puits de La Paracha**
info+subscribe@aupuitsdelaparacha.com

איטאליעניש
**Le Sorgenti della Torah**
info+subscribe@lesorgentidellatorah.com

רוסיש
**Колодец Торы**
info+subscribe@kolodetztory.com

מכון באר האמונה

**ארה"ב:**
Mechon Beer Emunah
1660 45th St, Brooklyn NY 11204
718.484.8136

**בארה"ק:**
מכון באר האמונה
רח' דובב מישרים 4/2
עיה"ק ירושלים תובב"א
025 688 040

**יו"ל ע"י מכון באר אמונה**

2023 © כל הזכויות שמורות להמכון

עס איז נישט ערלויבט איבערצודריקן אויף קיין שום צורה ואופן, אויף צו פארקויפן אדער פארשפרייטן פאר אייגינע אינטערעסן אן שריפטליכע ערלויבעניש פון די מכון

# אינהאלט

## בהר - בחוקותי

ואת מצוותי תשמרו - אמונה שטעלט אַוועק די גאַנצע תורה.............................................ב
יהיה קודש - דערהויבן און געהייליגט ווערן ווען מ'ווייסט אַז יעדע מכה איז לטובה.........................ו
לא תונו - די האַרבקייט פון טשעפּענען מיט אַ צווייטן ........................................ט
בחוקותי תלכו - גיין העכער און העכער אין עבודת ה'...........................................יד
ערכי עלי - דער בוכ"ע איז זייער שטאַרק מחשיב די רצונות און השתוקקות ..........................טז

סדר ועימוד:
**א.י.ש. אשדוד**
shwrtz@bezeqint.net

# בהר בחוקותי

**ואת מצוותי תשמרו - אמונה שטעלט אַוועק די גאַנצע תורה**

**אם** בחוקותי תלכו ואת מצוותי תשמרו ועשיתם אותם (כו, ג).

**פרעגן** די מפרשים, פאַרוואָס האָט די תורה געטוישט דאָס לשון, ביי "בחוקותי" זאָגט דער פסוק "תלכו", און ביי "מצוותי", זאָגט ער "תשמרו". [מ'קען דאָך זאָגן פאַרקערט, 'אם את חוקותי תשמרו ובמצוותי תלכו']. נאָך מער איז שווער, פאַרוואָס זאָגט נישט דער פסוק אין קורצן: 'אם בחוקותי ובמצוותי תלכו', אָדער 'אם את חוקותי ומצוותי תשמרו'?

**ענטפערט** דער 'מאור עינים' (פ' בחוקותי, ד"ה 'אם'), דער גאַנצער קיום פון די תורה ווענדט זיך אין איין יסוד, וואָס דאָס איז אמונה אין דעם אויבערשטען ברוך הוא[א], וואָס דער וואָס גלייבט נישט ח"ו באמונה

---

**א.** וואויל איז דעם מענטש וואָס האַלט זיך שטאַרק מיט אמונה אין יעדן מצב. ער ווערט נישט איבערגעשראָקן, ווי הרה"ק בעל 'בית אברהם' זי"ע זאָגט אין דער היינטיגער סדרה (ד"ה אם ב') אַז די ערשטע קללה וואָס שטייט אין דער 'תוכחה' אין דער היינטיגער סדרה, בחוקותי, איז (כו, טז) 'והפקדתי עליכם בהלה'. עס איז נישט דאָ אַן ערגערע זאַך פאַר דעם מענטש ווי 'בהלה' און בלבול הדעת ח"ו.

דער 'חפץ חיים' זי"ע זאָגט אויף די ווערטער וואָס מיר זאָגן אין די הושענות (אין דעם פיוט 'הושענא אדמה מארר'), 'הושענא דגן מדלקת... חטה מחגב... נפש מבהלה'. אַלע זאַכן וואָס ווערן דאָרט אויסגערעכנט, זענען גלייך אין מהות. פונקט ווי יעדער איינער ווייסט און פאַרשטייט אַז אַ פייער רייסט אויס און מאַכט חרוב די קאָרן אויפ'ן פעלד (דגן מדלקת'), און אַז די היישעריקן טוהען 'אויפעסן' און אינגאַנצן פאַרלענדן די ווייץ אויפ'ן פעלד, אַזוי טוט אַ בהלה פאַרלענדן און פאַרדאַרבן דעם נפש פונעם מענטש ('נפש מבהלה').

מ'האָט אַמאָל געפרעגט אַן איידים פונעם 'חפץ חיים' זי"ע, פון וואָס ער איז אַממערסטן נתפעל געוואָרן ביי די הנהגות פון זיין הייליגן שווער. האָט דער איידים געענטפערט, אַז די זאַך וואָס האָט ביי איהם אַרויסגערופן די גרעסטע מאָס התפעלות, איז געווען דער ישוב הדעת און שלוות הנפש פון זיין שווער אין יעדער צייט. אויך אין שווערע מצבים, ווען ער האָט געליטן יסורים רח"ל וכדומה, איז ער געווען רואיג, און די שלוות הנפש האָט זיך גענומען פון זיין שטאַרקע אמונה אַז דער אויבערשטער פירט די גאַנצע וועלט, בחן בחסד וברחמים.

דער מענטש וואָס גלייבט אין דעם אויבערשטען, פאַרלירט נישט זיין ישוב הדעת, ווייל ער ווייסט שטענדיג אַז אַלעס וואָס פּאַסירט מיט איהם, איז נאָר פון דעם רצון פון דעם באַשעפער ברוך הוא, וואָס ער טוט אַלעס. ממילא, האָט מען נישט וואָס צו זיין אין אַ 'בהלה', וויבאַלד מ'איז איבערגעגעבן אין גוטע הענט... און נישט נאָר דאָס, נאָר די 'בהלה' וועט איהם סיי-ווי נישט העלפן...

אויך דעמאָלס ווען דער מענטש דאַרף טוהן פאַרשידענע 'השתדלות'ן', זיך צו היטן אַז ער זאָל נישט אַריינקומען אין אַ מצב פון אַ סכנה ח"ו, זאָל ער עס נישט טוהן מיט אַ 'בהלה' און איילעניש, נאָר מיט ישוב הדעת, און מיט אנערקענונג אַז ער טוט עס ווייל אַזוי וויל דער אויבערשטער.

אַזוי האָבן צדיקים געטייטשט דעם פסוק (תהלים לד, א) 'לדוד בשנותו את טעמו לפני אבימלך ויגרשהו וילך'. לכאורה איז דאָ אַ סתירה מיניה וביה אין פסוק, ווייל אויב אבימלך האָט 'פאַרטריבן' דוד'ן, איז דאָך נישט שייך צו זאָגן 'וילך', ער איז 'געגאַנגען', נאָר 'ונתגרש' - ער איז אַוועקגעטריבן געוואָרן. נאָר דער פסוק קומט אונז לערנען, אַז אויך ווען דוד איז פאַרטריבן געוואָרן דורך אבימלך, איז ער נישט 'אַנטלאָפן' מיט אַ בהלה, און פאַרלוירן זיין גלייכגעוויכט, נאָר 'וילך' - ער איז 'געגאַנגען' רואיג און געלאַסן, ווייל ער האָט געהאַט אמונה אַז עס איז דעם אויבערשטען'ס רצון ער זאָל גיין פון דאָרט, ווייל דער אויבערשטער האָט באַפוילן פאַר אבימלך ער זאָל איהם פאַרטרייבן...

אַ חשוב'ער גערער חסיד, ר' יוסף מאיר זיידל ז"ל, האָט דערציילט, אַז ביים גערער רבי'ן, הרה"ק בעל 'אמרי אמת' זי"ע, איז געווען איינגעפירט, אַז יעדעס מאָל ווען דער רבי האָט געדאַרפט פאָרן ערגעץ מיט דער באַן, פלעגט זיין משמש אַריינקומען אַ קורצע צייט פאַר'ן פאָרן, כדי צו דערמאָנען דעם רבי'ן אַז אָט-אָט דאַרף מען

שלימה, האָט נישט קיין שייכות מיט'ן מקיים זיין די מצוות פון די תורה, ווי די גמרא זאָגט (מכות כד.) 'בא חבקוק והעמידן על אחת, שנאמר (חבקוק ב, ד) וצדיק באמונתו יחיה'[ב]. דאָס הייסט, חבקוק האָט 'אַוועקגעשטעלט' די

---

אַרויסגיין צו דער באַן, און דער רבי פלעגט זיך תיכף אויפהייבן, מסדר געווען אַלעס וואָס מ'האָט געדאַרפט ערלעדיגן, און איז געגאַנגען צו דער באַן.

איינמאָל, בשעת דער משמש האָט געהאָלפן דעם 'אמרי אמת' צוגרייטן די זאַכן וואָס מ'וועט דאַרף האָבן אונטערוועגנס, האָט ער פון גרויס איילעניש, אַרויסגעלאָזט פון דער האַנט עטליכע חפצים. האָט דער גרערער רבי איהם געפרעגט פאַרוואָס ער יאָגט זיך אַזוי... האָט דער משמש געמאַכט מיט דער האַנט, ווי איינער זאָגט, ער טוט אַזוי ווייל דער רבי איילט זיך. האָט דער 'אמרי אמת' איהם געזאָגט: 'יאָך יאָג זיך נישט. יאָך מאַך שנעל'...

דאָס איז אויך די כוונה פון פסוק (תהלים קיט, ס) 'חשתי ולא התמהמהתי'. לכאורה איז עס אַ דאָפּלטער לשון, ווייל ס'איז דאָך זעלבסט-פאַרשטענדליך, אַז דער מענטש וואָס איילט זיך, פאַרזוימט זיך נישט. נאָר דוד המלך ע"ה האָט געמיינט צו זאָגן, 'חשתי', אָבער נישט דערפאַר ווייל איך האָב זיך געיאָגט, נאָר ווייל 'ולא התמהמהתי'. איך האָב פשוט נישט פאַרברענגט די צייט מיט ליידיגן.

ווען דער מענטש איז זוכה צו לעבן מיט אמונה, ווערט ער קיינמאָל נישט אין כעס. נאָר איינער וואָס גלייבט אין זיך און אין זיינע כוחות, האַלט זיך גרויס און ער איז אין כעס פאַרוואָס יענער האָט 'געוואַגט' צו טשעפּען מיט איהם... אָבער דער מענטש וואָס גלייבט אין דעם אויבערשטען, און ער ווייסט אַז אַלעס ווערט געטוהן דורך דעם אויבערשטען, קען זיך לייכט האַלטן קליין. ער 'גייט נישט אַרויס פון די כלים'...

די גמרא זאָגט (גיטין ע.) אליהו האָט געזאָגט צו רבי נתן, דו זאָלסט עסן אַ דריטל, און טרינקען אַ דריטל, און איבערלאָזן אַ דריטל (פלאַץ אין מאָגן), כדי אַז אויב דו וועסט ווערן אין כעס, וועט עס דיר נישט שאַטן. דער סדר פון עסן געהעריג איז אַז דער מענטש זאָל אָנפילן אַ דריטל פון זיין בויך מיט עסן, און נאָך אַ דריטל מיט געטראַנקען, ווייל אויב וועט אָנפילן זיין גאַנצן בויך מיט שפייז און געטראַנקען קען ער חלילה אַריין אין אַ סכנה אויב ער וועט זיך בייזערן, ווייל דאַן ווען עס 'קאָכט' אינעווייניג אינעם מענטש, ווערן זיינע קישקעס אויפגעבלאָזן, און עס הערשט אַ סכנה אַז זיי קענען ח"ו פּלאַצן פון די מאכלים וואָס ער האָט געגעסן... אָבער אויב ער עסט און טרינקט נאָר צוויי-דריטל, ווען ער וועט זיך בייזערן, וועלן די מאכלים און געטראַנקען זיך 'אויפבלאָזן' אין מאָגן, און זיי וועלן אָנפילן זיינע קישקעס, אָבער נישט מער... ממילא קומט אויס, אַז דער מענטש וואָס האַלט זיך קליין און ממילא בייזערט ער זיך נישט אויף אַ צווייטן, קען עסן וויפיל ער דאַרף האָבן צו דער זעט, ווייל עס איז נישט דאָ דער חשש פון אַ סכנה ח"ו אַלס רעזולטאַט פון זיין כעס.

לויט דעם טייטשט דער בעל שם טוב הקדוש זי"ע (געברענגט אין ספה"ק 'דגל מחנה אפרים', פרשתינו, ד"ה 'ואכלתם'), דעם פסוק (תהלים כב, כז) 'יאכלו ענוים וישבעו'. די מענטשן וואָס האַלטן זיך קליין, קענען עסן צו דער זעט, זיי דאַרפן נישט מורא האָבן אַז זיי וועלן געשטרויכלט ווערן. דער 'דגל מחנה אפרים' איז מוסיף אויף די ווערטער פון זיין הייליגן זיידן דער בעל שם טוב, אַז דאָס איז די כוונה פון דעם המשך פון די פסוקים ביי די ברכות אין דער היינטיגער סדרה (כו, ג-ה) 'אם בחוקותי תלכו וגו' ואכלתם לחמכם לשובע'. אויב איר וועט גיין אינעם וועג פון דעם אויבערשטען, וועט איר קענען עסן ברויט צו די זעט וויפיל איר וועט דאַרפן האָבן, און איר וועט נישט דאַרפן איבערלאָזן אַ דריטל אין מאָגן, אין פאַל איר וועט זיך בייזערן...

**ב.** 'באמונתו יחיה'. אמונה איז אַ 'סם חיים' כפשוטו. ס'איז נישטאָ אַ בעסערע רפואה ווי אמונה, על כל צרה שלא תבוא.

מיר האָבן געהערט פון אַ איד אַ צדיק, וואָס האָט געהערט די מעשה פונעם בעל העובדא, אַ איד פון לאָנדאָן. דער איד איז אַ 'נקי כפים', אַ איד מיט אמונה, וואָס גיט אַכטונג צו געניסן נאָר פון געלט וואָס איז כשר בתכלית הכשרות. האָט ער דערציילט, אַז זונטאָג נאָך שבת הגדול שנת תשפ"ב, איז ער אַהיימגעגאַנגען פון 'גראָסערי'. אויפ'ן וועג האָט ער געמאַכט אַ חשבון וואו ער האַלט מיט די הוצאות פון יום טוב, און ס'איז איהם אויסגעקומען אַז ער דאַרף נאָך האָבן 1,200 פונט ביז יום טוב, פאַר שכר דירה ('רענט') און אַנדערע צרכי יום טוב. נאָכ'ן זיך גוט באַטראַכטן, 'אשא עיני אל ההרים מאין יבוא עזרי', האָט ער מקיים געווען דעם פסוק 'אליך נשאתי את עיני', און מיט אמונה פשוטה האָט ער געבעטן דעם אויבערשטען, ער זאָל איהם נישט פאַרלאָזן. ער איז געווען זיכער ביי זיך, אַז דער אויבערשטער וועט איהם העלפן און צושטעלן פאַר איהם דאָס געלט וואָס ער דאַרף נאָך האָבן אויף יום טוב.

גאַנצע תורה אויף אמונה. דאָס איז דער יסוד וואָס 'האַלט' דעם גאַנצן 'בנין' פון די מצוות. צוליב דעם ווערט אמונה אָנגערופן 'רגלים', אַזוי ווי די פיס אויף וועלכע דער גאַנצער מענטשליכער קערפּער האַלט זיך.

**זאָגט** דער 'מאור עינים', עס איז באַקאַנט אַז 'חוקים' זענען מצוות וואָס האָבן נישט אַ טעם. דאָס הייסט, דער שכל איז נישט מחייב דעם מענטש עס צו היטן. ער דאַרף עס מקיים זיין נאָר ווייל דער אויבערשטער האָט אַזוי באַפוילן. פון דער אַנדערער זייט, 'מצוות' זענען זאַכן וואָס דער שכל פון מענטש איז מחייב עס צו טוהן, און אויך אויב עס וואָלט נישט געשטאַנען אין דער תורה, וואָלט געווען כדאי פאַר דעם מענטש עס מקיים צו זיין.

**קומט** אויס, אַז דווקא דאָס אָפּהיטן די 'חוקים' פון דער תורה, איז אַ באַוויז אַז דער מענטש גלייבט אין דעם אויבערשטען. מה שאין כן ווען מ'איז מקיים 'מצוות' וואָס האָבן יאָ אַ טעם לויט'ן מענטשליכן שכל און פאַרשטאַנד, ווייזט עס נישט אַזוי שטאַרק אַז ער איז עס מקיים ווייל ער האָט אמונה, ווייל עס איז דאָך מעגליך אַז ער איז עס מקיים ווייל ער פאַרשטייט אַז ער דאַרף אַזוי טוהן.

**דאָס** איז די כוונה פון פסוק, וואָס ער זאָגט 'תלכו' דייקא ווען ער רעדט וועגן אָפּהיטן די 'חוקים'. 'אם בחוקותי תלכו', איר וועט היטן די 'חוקים', ווייל איר וועט 'גיין' מיט אמונה אין דעם אויבערשטען, וואָס איז מרומז אין די 'פיס' (עיין שם, ווי ער טייטשט אויס דעם פסוק ווייטער).

**ענליכע** ווערטער, שרייבט דער 'מאור ושמש' (פ' יתרו, ד"ה 'איתא במדרש רבה'), אין נאָמען פון הייליגן רבי'ן ר' אלימלך זי"ע פון ליזענסק, אַז ער האָט געטייטשט די סמיכות פון די פסוקים (שמות כ, א-ב) 'וידבר אלוקים את כל הדברים האלה לאמור, אנכי ה' אלוקיך' וגו'. זאָגט דער רבי ר' אלימלך זי"ע, די גאַנצע תורה איז אָנגעוויזן אויף 'אנכי'. און דעריבער, אויב דער מענטש גלייבט אין דעם אויבערשטען'ס געטליכקייט, איז ער ממילא מקיים די תורה און מצוות ווי ס'דאַרף צו זיין, עכל"ק.

**דער** סלאָנימער רבי, הרה"ק בעל 'בית אברהם' זי"ע, ברענגט (שבועות, ד"ה 'וספרתם') אין נאָמען פון צדיקים, אויף די ווערטער פון חז"ל (סנהדרין ז.) 'שבע יפול צדיק וקם, ורשע יפול באחת'. דאָס גייט אַרויף אויף דעם מענטש וואָס ער כאַפּט זיך אָן אין אמונה, וואָס ער

---

און וואונדער איבער וואונדער: נישט מער ווי אַ מינוט שפּעטער, איז צוגעקומען צו איהם אַן ... אַראַבער, און ער האָט איהם דערלאַנגט אין האַנט אַ קליין צעטל, צוגעבנדיג: 'ראַבאַי, קוק אַריין אין צעטל...'. האָט דער איד אַריינגעקוקט אין צעטל, און געזעהן אויפגעשריבן אויף לשון הקודש, 'הביאו אל כל המעשר אל בית האוצר, ויהי טרף בביתי' (ס'איז אַ פסוק אין מלאכי ג, י). ווען דער איד האָט אָנגעקוקט דעם אַראַבער מיט פאַרוואונדערטע אויגן, האָט דער אַראַבער איהם געזאָגט, 'איך וויל געבן מעשר פאַר דעם אויבערשטען'... און ער האָט אַרויסגענומען פון טאַש אַ קאָנווערט מיט מזומנים, און דערלאַנג פאַר דעם איד, זאָגנדיג: 'טוה מיט'ן געלט וואָס דיין האַרץ גליסט'...

ווען דער איד איז אַהיימגעקומען און געעפנט דעם קאָנווערט, האָט ער צו זיין שטוינונג, געזעהן דאָרט ליגן 1,340 פונט... נאָכ'ן אַראָפּגעבן 'מעשר' פון דעם סכום ('מעשר מן המעשר'), איז איהם געבליבן 1,206 פונט, 'טבין ותקילין'.

פון דער מעשה לערנען מיר, אַז דער אויבערשטער איז דער וואָס זאָרגט פאַר דעם מענטש. ער ווייסט גענוי וויפיל יעדער מענטש דאַרף האָבן, און מיט זיין גרויסן חסד, איז ער משפיע פאַר זיינע באַשעפענישן, און נאָך מער פאַר די וואָס גלייבן אין איהם, און טוהען זיך באמת פאַרלאָזן אויף איהם.

דער בעל העובדא האָט צוגעגעבן, אַז במשך פונעם יום טוב האָט ער אַסאַך אַריינגעטראַכט אויב ס'איז פאַר איהם כדאי מפרסם צו זיין די מעשה, אָדער אפשר איז גאָר בעסער צו פאַרבלייבן בהצנע לכת. אַזוי ווי ער איז אַן ערליכער איד, האָט ער אויך אויף דעם מתפלל געווען, אַז דער אויבערשטער זאָל איהם ווייזן דעם ריכטיגן וועג.

דערנאָך האָט ער געעפנט אַ הגדה של פסח, און עס זענען איהם אַנטקעגן געקומען פאַר די אויגן די ווערטער פונעם זוהר הקדוש וואָס מיר זאָגן פאַר'ן סדר, 'פקודא בתר דא לספר' וכו'. דאָרט איז מבואר אַז דער מענטש איז מחויב מפרסם צו זיין די ניסים וואָס פאַסירן מיט איהם, און צו דערציילן דעם אויבערשטען'ס שבחים. ער האָט פון דעם פאַרשטאַנען, אַז ער דאַרף מפרסם זיין די מעשה, וואָס האָט פאַסירט ביי איהם, כדי צו שטאַרקן די אמונה און בטחון ביי אידן. 'להודיע שכל קויך לא יבושו ולא יכלמו לנצח כל החוסים בך'.

ווערט אָנגערופן 'צדיק', ווי דער פסוק זאָגט, 'וצדיק באמונתו יחיה'. אויף דעם זאָגט דער פסוק: 'שבע יפול צדיק', דער וואָס האָט אמונה און בטחון אין דעם אויבערשטען, איז אויך אויב ער וועט פאַלן 'זיבן מאָל', דאָס הייסט, ער וועט האָבן איין 'נפילה' נאָך דער אַנדערער, און איין 'ירידה' נאָך דער צווייטער. 'וקם' - וועט ער זיך נאָך אַלץ קענען אויפהייבן, ער וועט האָבן אַ 'תקומה' מיט'ן כח פון זיין אמונה, וואָס ער כאַפּט זיך אָן דערין מיט אַ שטאַרקן כח[ג] (אין די טעג פון זעטיגקייט, גלייבט ער אַז עס קענען נאָך קומען טעג פון הונגער ח"ו, און אין אַ צייט פון הונגער ח"ו גלייבט ער אַז אַלעס ווערט געטוהן דורך דעם אויבערשטען ברוך הוא, און אַז עס וועלן נאָך קומען גוטע טעג, עיי"ש בפרשת מקץ). 'ורשע יפול באחת' - אויב ער איז רשע אין דעם ענין פון אמונה, וואָס ווערט גערופן 'אחת' ('בא חבקוק והעמידן על אחת'), וועט ער פאַלן און ער וועט זיך מער נישט קענען אויפהייבן דערפון, ווייל דאָס איז דער כח פון אמונה.

די ספרים זאָגן, אויף דריי זאַכן שטייט די וועלט, אויף אמונה, אויף תורה, און אויף אירע מצוות. אויב דער מענטש האָט נישט די דריי זאַכן - אַפילו אויב ער פאַרפעלט נאָר איינע פון זיי, פעלט איהם פון די עיקרים פון לעבן.

די ספרים זאָגן, אַז דאָס איז מרומז אין פסוק, 'אם בחוקותי תלכו ואת מצוותי תשמרו ועשיתם אותם'.

'אם' - איז ראשי תיבות א'מונה מ'צוות. דאָס הייסט, ווען דער מענטש האָט די דאָזיגע צוויי מידות - אמונה און מצוות - זאָל ער וויסן אַז ער דאַרף נאָך אַלץ מקיים זיין דאָס וואָס שטייט ווייטער אין פסוק 'בחוקותי תלכו', וואָס רש"י טייטשט די ווערטער, אַז עס מיינט 'שתהיו עמלים בתורה' - איר זאָלט זיך פלאָגן אויף די תורה. אָבער אויב דער מענטש האָט 'ואת', א"ת איז ראשי תיבות א'מונה ת'ורה, אָבער ער איז נישט מקיים די מצוות, איז כאָטש ער האָט זוכה געווען צו די דערמאָנטע צוויי מעלות, ער האָט אמת'ע אמונה און ער לערנט תורה, דאַרף ער נאָך אַלץ מקיים זיין 'ואת מצוותי תשמורו'. ער דאַרף צולייגן דערצו, דעם ענין פון שמירת המצוות. דער ריכטיגער וועג פאַר דעם מענטש אויסצואווילן איז, 'ועשיתם אתם'. את"ם ראשי תיבות א'מונה, ת'ורה, מ'צוות.

דער עיקר פון די דריי זאַכן איז אָבער אמונה אין דעם אויבערשטען, דער 'חי עולמים', וואָס פירט אַלע באַשעפענישן. 'הוא לבדו עשה ועושה ויעשה לכל המעשים', ווייל מ'צוות ת'ורה, איז ראשי תיבות מ"ת. אויף די צוויי ענינים אַליין, קען דער מענטש נישט לעבן[ד], נאָר אויב ער האָט אויך אמונה, 'כי על כל מוצא פי ה' יחיה האדם'. דער מענטש דאַרף גלייבן אַז אַלעס וואָס פאַסירט מיט איהם ('על כל') איז מוצא פי ה' - אויף דעם באַפעל פון דעם אויבערשטען. נאָר ווען

**ג.** שטייענדיג אַ וואָך נאָך פסח שני, איז דאָך באַקאַנט וואָס דער זוהר הקדוש זאָגט (ח"ג, קנב:) אַז אין פערצענטן טאָג פון חודש אייר - פסח שני - גייט אַרויס אין הימל אַ 'כרוז' וואָס רופט אויס, אַז יעדער איינער וואָס האָט נישט באַוויזן צו זעהן דעם אויבערשטען ברוך הוא כביכול, קען נאָך אַלץ קומען איהם זעהן איידער מ'מאַכט צו אין הימל די טויערן וכו', ווייל פון דעם פערצענטן טאָג פון חודש אייר, זענען די טויערן פון הימל אָפען ביז זיבן טעג, און פון דאָרט און ווייטער פאַרמאַכט מען די טויערן. פרעגן די ספרים, פאַרוואָס פאַרמאַכט מען די טויערן דווקא איידער עס קומט אָן דער הייליגער יום טוב שבועות הבא עלינו לטובה?

ענטפערט דער סלאָנימער רבי, הרה"ק בעל 'נתיבות שלום' זצ"ל, ווייל עס איז באַקאַנט אַז די זיבן וואָכן פון ספירת העומר זענען אַנטקעגן די זיבן מידות. די לעצטע צוויי וואָכן פון ספירה, זענען קעגן 'יסוד' און 'מלכות'. על דרך העבודה, איז זייער ענין, קדושה און אמונה. עס קומט אונז לערנען אַז אויך ווען די 'טויערן' זענען פאַרמאַכט, אָבער ווען עס האַנדלט זיך אין ענינים פון קדושה און אמונה, דאַרף מען האָרעווען מיט אַלע כוחות אפילו אויב די טויערן זענען פאַרשפאַרט. דאָס הייסט, עס זעהט אויס אין די אויגן פונעם מענטש, אַז אַלעס איז פאַר איהם 'פאַרמאַכט'...

**ד.** די ספרים זענען מוסיף, אַז דאָס איז די כוונה פון פסוק ווייטער אין דער פרשה (כו, כ) 'ותם לריק כחכם'. דער מענטש וואָס האָט נאָר 'תם' - ראשי תיבות ת'ורה מ'צוות, און עס פעלט איהם אמונה, איז זיין גאַנצע האָרעוואַניע אומזיסט ('לריק כחכם'). ער האָט נישט קיין נוצן פון זיין גאַנצע האָרעוואַניע אין תורה און מצוות, אויב עס איז 'עיקר חסר מן הספר'...

עס איז 'באמונתו יחיה', ער לעבט מיט אמונה, קען זיין 'ועשיתם את"ם' ראשי תיבות א'מונה, ת'ורה, מ'צוות.

### יהיה קודש - דערהויבן און געהייליגט ווערן ווען מ'ווייסט אַז יעדע מכה איז לטובה

**אין** דער היינטיגער סדרה (כז, י) לייענען מיר: 'והיה הוא ותמורתו יהיה קודש'. זאָגט דער 'דברי ישראל', אַז די תורה לערנט אונז דאָ דעם חיוב צו גלייבן אין דעם אויבערשטען, און צו וויסן אויך אין שווערע זמנים אַז אַלעס וואָס דער אויבערשטער טוט איז פאַר דער טובה פונעם מענטש, און דער מדרש זאָגט (ב"ר פמ"ב, ג) אַז איבעראל וואו עס שטייט דאָס וואָרט 'והיה', איז עס אַ לשון פון שמחה. לערנט אונז דער פסוק, אַז סיי ווען עס איז ביי דעם מענטש אַ מצב פון 'והיה', דער אויבערשטער פירט זיך מיט איהם אין אַן אופן פון 'שמחה', מיט רחמים מגולים, אָדער חלילה 'ותמורתו' - דאָס פאַרקערטע ח"ו... אין יעדן מצב: 'יהיה קודש' - זאָל דער מענטש גלייבן אַז אַלעס ווערט געפירט פון די השגחה העליונה[ה], פאַר זיין אמת'ע טובה[ו], אפילו אויב ער זעהט עס נישט יעצט.

**פירט** אויס דער 'דברי ישראל', אַז דער מענטש וואָס גלייבט אַז אַלעס איז פאַר זיין טובה, איז זוכה צו זעהן אַז אַזוי איז עס טאַקע. ער איז עס מרמז אין דעם פסוק וואָס שטייט ווייטער אין דער פרשה (פסוק י"ד) 'והעריכו הכהן בין טוב ובין רע, כאשר יעריך אותו הכהן כן יקום'. ווייל ס'איז באַקאַנט (זוה"ק ח"א קנ.) אַז

---

**ה.** אַמאָל האָט דער 'חפץ חיים' זי"ע זיך אינטערעסירט ביי אַ איד וועגן זיין מצב, און יענער האָט געענטפערט, 'עס וואָלט נישט געשאַדט אויב עס וואָלט געווען אַביסל בעסער...'. האָט דער 'חפץ חיים' איהם געזאָגט: 'פון וואו ווייסטו אַז עס וואָלט נישט געשאַדט? דער אויבערשטער ווייסט בעסער. ער איז דאָך אַ רחום וחנון. ער וויל געבן פאַר דעם מענטש בעסערס, און ער קען געבן בעסערס. און אויב ער גיט נישט מער גוטס, איז דאָס וואָס מ'האָט יאָ, אַוודאי דאָס בעסטע, און ס'איז נישט שייך בעסער פון דעם. (ספר 'חפץ חיים' עה"ת, האזינו).

**ו.** ביים סוף פון דער היינטיגער סדרה, ביי די מצוה פון געבן 'מעשר בהמה', זאָגט דער פסוק (כז, לב) וכל מעשר בקר וצאן כל אשר יעבור תחת השבט, העשירי יהיה קודש לה'. זאָגט רש"י, אַז ווען מ'קומט נעמען מעשר פון די בהמות, נעמט זיי דער באַלעבאָס אַרויס דורך די טיר, איינעם נאָכ'ן אַנדערן, און אויף די צענטע בהמה קלאַפּט ער מיט זיין רוט וואָס איז געפאַרבט מיט אַ רויטע קאָליר, כדי מ'זאָל דערקענען אַז ס'איז מעשר.

דאַרף מען פאַרשטיין, פאַרוואָס האָט די תורה באַפוילן צו שלאָגן די צענטע בהמה וואָס מ'נעמט אַראָפּ אַלס מעשר, און עס ווערט הייליג פאַר דעם אויבערשטען, און נישט די אַנדערע בהמות וואָס זענען חולין. דאַן וואָלט מען דאָך ממילא געוואוסט, אַז די בהמה וואָס האָט נישט דעם סימן, איז 'מעשר', און הייליג פאַר דעם אויבערשטען?

אויך איז שווער, פאַרוואָס האָט מען געדאַרפט 'שלאָגן' די בהמה, כדי עס אָפּצופאַרבן מיט אַ רויטע קאָליר. מ'קען דאָך עס טוהן אויך 'רואיגערהייט', אָן צו געבן דערויף אַ קלאַפּ?

ענטפערט דער הייליגער אָסטראָווצער זי"ע ('בית מאיר', ליקוטים מהגה"ק מאסטראווצא), אַז מיט דעם האָט די תורה געוואלט ווייזן אַז אַזוי איז עס שטענדיג. דער וואָס איז הייליג פאַר דעם אויבערשטען שלאָגט מען איהם און ער ליידט יסורים און צרות, און דורך דעם ווערטער גרעסער און הייליגער, עכ"ל.

קומט אויס אַז די צענטע בהמה דרייט זיך אַרום און פרעגט מיט ביטערניש, פאַרוואָס האָט דער באַלעבאָס נאָר מיך געשלאָגן? מיט וואָס בין איך אַנדערש פון די אַנדערע בהמות וואָס דרייען זיך אַרום רואיג, אָן דאגות, און נאָר איך האָב באַקומען אַ קלאַפּ, כאָטש איך בין אומשולדיג... זי פרעגט אָבער אַזוי נאָר דערפאַר ווייל זי איז אַ 'בהמה'. אויב זי וואָלט געהאַט שכל, וואָלט זי פאַרשטאַנען אַז דווקא דער 'קלאַפּ' האָט איר פאַרוואַנדלט צו ווערן הייליג: העשירי יהיה קודש לה'. און נישט נאָר דאָס וואָס זי איז נישט 'ווייניגער' פון די אַנדערע בהמות, נאָר אדרבה, זי האָט זוכה געווען דערהויבן צו ווערן צו די העכסטע מדריגות.

דאָס איז אַ לימוד פאַר אונז, אַז מ'זאָל נישט זיין ווי אַ קורצזיכטיג 'בהמה', נאָר מ'זאָל וויסן אַז יעדע 'מכה' האָט אַ טובה, און דורך דעם ווערט דער מענטש גאָר שטאַרק דערהויבן און געהייליגט...

אַזוי שרייבט דער סטייפּעלער גאון זצ"ל ('קריינא דאיגרתא', ח"א, ע' י') אַז יעדער וואָס איז מער ראוי צו זיין גרויס און שטאַרק אין תורה, האָט ער מער שוועריגקייטן אויף פאַרשידענע אופנים, און ווען ער שטאַרקט זיך אָנצוהאַלטן זיך אין דער תורה, וועלן די יסורים סוף-סוף זיך אָפּטוהן פון איהם.

'כהן' איז מרמז אויף די מדה פון חסד (ווי דער פסוק זאָגט (דברים לג, ח) וועגן די כהנים וואָס שטאַמען פון שבט לוי 'תומיך ואוריך לאיש חסידך'). זאָגט דער פסוק 'והעריכו', דער מענטש דאַרף וויסן און שאַצן אַז אַלעס וואָס האָט מיט איהם פאַסירט, סיי דאָס גוטע און סיי דאָס פאַרקערטע ח"ו, אַלעס איז געקומען פונעם 'כהן' - פון מדת החסד. אויב דער מענטש וועט האָבן אט די אנערקענונג, וועט ער זוכה זיין, 'כאשר יעריך אותו הכהן כן יקום' - פונקט אַזוי ווי ער האָט דערקלערט אַז ער גלייבט אַז אַלעס איז מצד די מדה פון חסד, וועט טאַקע אַזוי זיין, און ער וועט זוכה זיין צו זעהן דאָס גוטע ווען ער וועט אינגיכן געהאָלפן ווערן פון דעם אויבערשטען.

**אויף** דעם פסוק אין דער היינטיגער סדרה (כו, כח) 'ויסרתי אתכם אף אני', פרעגן די מפרשים, וואָס איז די כוונה פון די ווערטער 'אף אני' - אויך איך. ווער דען איז דער וואָס ברענגט די יסורים, אויב נישט דער אויבערשטער? פון לשון הפסוק איז משמע, גלייך ווי דער פסוק וויל מרבה זיין אַז 'אויך' דער אויבערשטער וועט איך שטראָפן ח"ו?

**זאָגן** די ספרים הקדושים אַ כוונה אין פסוק, אַז דער אויבערשטער כביכול זאָגט צו די אידן, איר זאָלט וויסן, אַז דעמאָלס ווען איך ברענג אויף אייך יסורים ח"ו (ויסרתי אתכם), דאַן 'אף אני' - ליידט אויך די הייליגע שכינה כביכול יסורים רח"ל, 'בכל צרתם לו צר'[ז], און חז"ל זאָגן (חגיגה טו:) אַז ווען אַ מענטש איז בצער, קלאָגט די שכינה און זאָגט, 'קלני מראשי, קלני מזרועי'[ח].

**נאָך** מער, אין אַזאַ שווערע צייט איז דער מענטש זייער נאָענט צו דעם אויבערשטען, מער ווי אין די צייטן ווען אַלעס 'גייט' איהם גלאַטיג.

---

**ז.** אין דער צייט ווען דער גאון רבי יהושע לייב דיסקין זצ"ל האָט געדינט אַלס רב אין דער שטאָט בריסק אין ליטע, האָט אַ געוויסע תקופה זיך פאַרמערט דער חילול שבת אין שטאָט, אויף אַ שרעקליכן אופן. זענען די אידן פון שטאָט אַרויסגעגאַנגען אין אַ פרייטאָג צו נאַכטס, צו פּראָטעסטירן קעגן דעם חילול שבת וואָס קומט פאָר אין שטאָט. פאַר דער שטאָטישער באַהערדע האָט עס פאַרדראָסן אַז מ'האָט פּראָטעסטירט אָן אַן אָפיציעלע ערלויבעניש, און זיי האָבן איינגעזעצט דעם ראש הקהל אין טורמע. אַלע אידן פון שטאָט זענען אַנטלאָפן אין גרויס פחד.

מ'קען זיך פאַרשטעלן דעם גרויסן צער און עגמת נפש וואָס דער ראש הקהל האָט געהאַט, אַז ער דאַרף זיצן בעצם יום שבת קודש אין אַ טונקעלע, פאַרמאַכטן צימער, אָן וויין אויף קידוש, און אָן די שבת'דיגע סעודות, און ווער ווייסט, וואָס עס וועט זיין דער אורטייל אין געריכט קעגן איהם...

צוויי שעה שפּעטער, האָט די טיר פון זיין טורמע צעל זיך געעפענט, און אָט האָט מען אַריינגעברענגט אויך דעם רב פון שטאָט, רבי יהושע לייב דיסקין, צו 'פאַרברענגען' צוזאַמען מיט'ן ראש הקהל אינעם צעל. דאַן האָבן די אויגן פון דעם ראש הקהל אויפגעלויכטן פון גרויס פרייד, און ער האָט ביי זיך געטראַכט, אַז ס'איז געווען כדאי צו בלייבן אינעם טונקעלן קאַמער אָן חלות און אָן וויין - כדי זוכה צו זיין צו פאַרברענגען איין שבת אין דער מחיצה פון רב רבי יהושע לייב.

לויט דעם, זאָגן די בעלי המוסר, אַ כוונה אין פסוק (ישעיה סג, ט) 'בכל צרתם לו צר'. דער 'כתיב' איז 'לא' מיט אַן אל"ף, און דער 'קרי' איז 'לו' מיט אַ וא"ו - 'לו צר'. דאָס איז לכאורה אַ סתירה (ווייל אויב 'לו' צר, איז דאָך נישט 'לא' צר). נאָר באמת, ווערט איין קשיא פאַרענטפערט מיט די צווייטע קשיא. ווען דער מענטש ווייסט אַז ער איז נישט אַליין אין זיינע צרות, נאָר 'לו צר', דער אויבערשטער געפינט זיך מיט איהם אין זיין צרה. ממילא איז 'לא צר' מיט אַן אל"ף, די צרה פאַרשווינדט. עס קען נישט זיין בעסער פאַר דעם מענטש אויף דער וועלט, ווי די עצם זאַך וואָס דער אויבערשטער כביכול געפינט זיך מיט איהם.

**ח.** עס שטייט אין ספה"ק 'באר מים חיים' (פרשת ויצא), אַז דער אָרימאַן, אָדער איינער וואָס ליידט אַנדערע יסורים ל"ע, איז זיין עצה ער זאָל געדענקען אַז דער אויבערשטער געפינט זיך מיט איהם, ווי דער פסוק זאָגט (ישעיה נז, טו) 'את דכא', און חז"ל זאָגן דערויף (סוטה ה.) 'אני את דכא'. דער אויבערשטער כביכול בייגט אַראָפּ זיין שכינה, 'עמו אנכי בצרה', און אַז דער אויבערשטער איז מיט'ן מענטש, פעלט איהם גאָרנישט. ער האָט דאָך אַלעס. דאָס איז זיין טרייסט, אַז דער וואָס אַלעס געפינט זיך אין זיין האַנט איז מיט איהם. וואָס דאַרף ער האָבן מער אויף דער וועלט אָדער אויף יענער וועלט, אויב ער איז זוכה אַז דער באַשעפער ברוך הוא רוהט אויף איהם.

אַזוי שרייבט דער מהר"ל מפראג זי"ע ('נצח ישראל', פ"י) אויף די ווערטער פון דער גמרא (מגילה כט.) רבי שמעון בן יוחאי זאָגט, קום און זעה ווי באַליבט די אידן זענען ביי דעם אויבערשטען, אַז איבעראַל וואו זיי זענען געגאַנגען אין גלות איז די שכינה געגאַנגען מיט זיי. זיי זענען געגאַנגען אין גלות מצרים, איז די שכינה געגאַנגען מיט זיי, וכו'. זיי זענען געגאַנגען אין גלות בבל, איז די שכינה געווען מיט זיי[ט], וכו'. אויך ווען זיי וועלן ווערן אויסגעלייזט פון גלות, וועט די שכינה זיין מיט זיי. לכאורה, זעהט דאָ אויס, אַז אויך בשעת די גאולה, וועט די שכינה זיין מיט די אידן.

**ברענגט** דער מהר"ל אַ קשיא אין נאָמען פונעם רשב"א ז"ל, די סברא איז דאָך פאַרקערט, אויב כביכול די הייליגע שכינה גייט אין גלות פאַר די אידן כדי צו זיין מיט זיי צוזאַמען, איז דאָך אַוודאי געוויס אַז די שכינה וועט רוהען אויף זיי ווען זיי וועלן אויסגעלייזט ווערן פון גלות?

**ענטפערט** דער מהר"ל, אַז ס'איז דאָ אַ גרעסערער טעם פאַרוואָס די שכינה זאָל זיך געפינען מיט די אידן אין גלות, ווי אַז די שכינה זאָל רוהען צווישן זיי ווען זיי וועלן אַרויסגיין פון גלות. ווייל די גמרא זאגט דאך (שבת יב:) אַז די שכינה געפינט זיך צוקאָפּנס פון אַ קראַנקן ל"ע, 'ה' יסעדנו על ערש דוי'. זאָגט דער מהר"ל, אַז עס זענען דאָ צוויי טעמים. ערשטענס, ווייל יעדע זאַך וואָס דאַרף האָבן אַ שמירה, איז דאָ דערויף אַ גרעסערע השגחה פונעם באַשעפער. דער חולה וואָס איז אַרויס פון די טבע וכו', דאַרף ער אַ שמירה אַז זאָל חלילה נישט שטאַרבן, און די שמירה איז פון דעם אויבערשטען ברוך הוא.

**אַ** צווייטער טעם איז, ווייל דער פסוק זאָגט, 'אשכון את דכא ושפל רוח'. דער אויבערשטער מאַכט רוהען זיין שכינה ביי אַ מענטש וואָס האָט אַ צובראָכן האַרץ, און דעריבער געפינט זיך דער אויבערשטער ביי דעם קראַנקן וואָס האָט אַ צובראָכן האַרץ.

**לויט** די צוויי טעמים, איז ראוי אַז די שכינה זאָל נאָך מער זיין מיט די אידן ווען זיי זענען אין גלות, ווייל זיי דאַרפן האָבן אַ גרעסערע שמירה ווען זיי געפינען זיך אין גלות צווישן די פעלקער, און אויך ווייל זיי זענען צובראָכן אין גלות, און דער אויבערשטער רוהט דאָך אין אַ צובראָכן האַרץ. וועגן דעם וואָלט געווען אַן אָרט צו טראַכטן אַז ווען די אידן וועלן אויסגעלייזט ווערן פון גלות וועט די שכינה שוין מער נישט רוהען צווישן זיי. וועגן דעם זאָגן חז"ל, אַז אויך

---

זאָגט דער 'באר מים חיים', ווען דער אויבערשטער האָט געזאָגט צו יעקב אבינו ע"ה 'והיה זרעך כעפר הארץ' (בראשית כח, יד), האָט דאָך יעקב געקענט ווערן ביי זיך געפאַלן זעהענדיג אַז זיינע קינדער וועלן חלילה פאַלן ביז צו דער ערד, האָט דער אויבערשטער איהם איבערגעבעטן און איהם געזאָגט, 'והנה אנכי עמך' (שם שם, טו), 'עמו אנכי בצרה', און 'אני את דכא', און דאָס וועט זיין זייער טרייסט. 'ונחמתים ושמחתים בשעשוע בוראם' - איך וועל זיי טרייסטן, און כ'וועל זיי דערפרייען, מיט דעם וואָס זיי קענען זיך משתעשע זיין מיט זייער באַשעפער, עכל"ק.

**ט.** אויפ'ן פסוק אין דער היינטיגער פרשה (כו, מד) 'ואף גם זאת בהיותם בארץ אויביהם לא מאסתים ולא געלתים לכלותם', זאָגט דער זוהר הקדוש (ח"ג קטו:) אַ משל, אַ מענטש האָט חתונה געהאַט מיט אַ פרוי וואָס האָט געוואוינט אויף אַ גאַס וואו עס וואוינען לעדער געשעפטן, וואו עס איז דאָ אַ גאַר שלעכטער ריח, אָבער פון גרויס ליבשאַפט צו איר וועט דער מאַן גיין וואוינען וואו זי וואוינט, טראָץ דעם וואָס אויב זי וואָלט נישט געוואוינט אין דעם אָרט, וואָלט ער קיינמאָל נישט אַריינגעטראָטן דאָרט, נאָר ווייל זי געפינט זיך דאָרט, איז אין זיינע אויגן דער לעדער-מאַרק, אַזוי ווי אַ מאַרק וואו מ'פאַרקויפט גוטע געשמאַקע געווירצן, וואָס אַלע גוטע ריחות פון דער וועלט געפינען זיך דאָרט.

דער נמשל איז לגבי דעם אויבערשטען און די אידן. אויך ווען זיי געפינען זיך אין לאַנד פון זייערע פיינט, דאָס הייסט, די אידן געפינען זיך אין גלות 'בארץ אויביהם', אַן אָרט וואו די קליפות און טומאה וואָס זענען מיאוס אַזוי ווי אַ לעדער-הענדלער גאַס, פונדעסטוועגן, 'לא מאסתים ולא געלתים', האָב איך זיי נישט פאַר'מיאוס'ט. פאַרוואָס? 'לכלתם' צוליב זייער 'כלה', דאָס איז די שכינה וואָס געפינט זיך מיט די אידן אויך אין די טיפענישן פון שאול תחתית, און וועגן דעם האָט דער אויבערשטער זיי ליב, און צוליב זיין גרויסע ליבשאַפט צו זיי, זעהט אויס דאָס אָרט אין זיינע אויגן ווי דער וואוין-אָרט פון בעסטן ריח אויף דער וועלט, עכדה"ק.

ווען זיי וועלן אויסגעלייזט ווערן פון גלות, וועט די שכינה רוהען צווישן די אידן.

**אַזוי** האָט געזאָגט דער בעל שם טוב הקדוש זי"ע (כתר שם טוב), אַ כוונה אין פסוק (תהלים פד, יב) 'כי שמש ומגן ה' אלוקים'. אַ מענטש קען דאָך נישט קוקן אויף די זון, צוליב איר גרויסן לעכטיגן שיין. אויב ער וויל יאָ קוקן אויף די זון, דאַרף ער האַלטן אויף די אויגן אַ טונקעלן גלאָז, וואָס זאָל אָפּטיילן צווישן איהם און די זון. נאָר אַזוי קען ער קוקן אַז ער זאָל נישט פאַרלירן די זעה-קראַפט אין זיינע אויגן.

**וועגן** דעם ווערט דער אויבערשטער צוגעגליכן צו די זון. פונקט ווי אַ מענטש קען נישט זעהן די זון נאָר דורך אַ פאַרשטעלונג און אַ 'שויץ', דאָס זעלבע דער אויבערשטער, ווען ער באַהאַלט זיין פנים אַזוי ווי אַ 'שויץ', קען מען איהם זעהן. אבער לעתיד לבוא, זאָגן חז"ל (ע"ז ג.) אַז דער אויבערשטער וועט אַרויסנעמען די זון פון איר שיידל וכו', און די צדיקים וועלן געהיילט ווערן דערפון, ווייל זיי וועלן קענען זעהן די זון אינדרויסן פון איר שיידל. ס'וועט אויפגעדעקט ווערן די מלוכה פון דעם אויבערשטען, און מ'וועט זעהן זיין כבוד אויך אָן אַ פאַרשטעלונג, אָבער אויף דער וועלט קען מען איהם נישט זעהן נאָר ווען עס איז 'פאַרשטעלט', ווייל דעמאָלס איז דער אויבערשטער נענטער צום מענטש.

### לא תונו - די האַרבקייט פון טשעפּענען מיט אַ צווייטן

**אין** דער היינטיגער פרשה, לייענען מיר וועגן די האַרבע עבירה פון "אונאת דברים", נישט גורם צו זיין צער ח"ו פאַר אַ צווייטן, ווי דער פסוק זאָגט (כה, יז) "לא תונו איש את עמיתו, ויראת מאלקיך, כי אני ה' אלקיכם"[יא], און די גמרא זאָגט (ב"מ נח: נט.) אַז דאָ רעדט זיך וועגן "אונאת דברים"[יב]. רבי יוחנן האָט געזאָגט אין נאָמען פון רבי שמעון בן יוחאי, אַז דער לאו פון "אונאת דברים", איז האַרבער ווי "אונאת ממון"

---

**י.** פון דאָ לערנט אַרויס הרה"ק בעל "חידושי הרי"ם" זי"ע (ליקוטי הרי"מ, פ' בהר), אַז אויב מ'היט זיך פון דעם לאו פון אונאת דברים, איז עס מסוגל צו יראת שמים, ווי דער פסוק זאָגט "ולא תונו - ויראת מאלקיך".

**יא.** אויפ'ן פסוק "לא תונו", ברענגט דער "ילקוט שמעוני" אַ מעשה: רבי האָט געפּראַוועט אַ סעודה פאַר זיינע תלמידים, און ער האָט געברענגט פאַר זיי ווייכע צינגען, און האַרטע צינגען. האָבן זיי אויסגעקליבן די ווייכע צינגען, און אַוועקגעלייגט די האַרטע. האָט רבי געזאָגט צו זיי, "מיינע קינדער, אַזוי זאָל אייער צונג זיין ווייך איינער מיט'ן אַנדערן", און אויף דעם זאָגט משה רבינו ע"ה פאַר די אידן, "ולא תונו איש את עמיתו".

עס ווערט געברענגט (מעשה איש, ח"ה, ע' מ') אַז אַ קליין יונגל האָט אַמאָל אַרומגעטאַנצט און אַרומגעשפּרינגען אין צימער פון דעם גאון בעל "חזון איש" זי"ע, אַזוי ווי קליינע קינדער פירן זיך... ער האָט געמאַכט אַ טומל, וואָס האָט געשטערט פאַר די אָנוועזנדע ביים "חזון איש" אין הויז. האָט איינער פון די אָנוועזנדע באַפּוילן פאַר'ן קינד, ער זאָל אויפהערן ווילדעווען, צוגעבנדיג, "אויב דו וועסט נישט אויפהערן ווילדעווען, וועל איך דערציילן פאַר דיין מלמד...".

איז דער "חזון איש" אויפגעציטערט געוואָרן, און געזאָגט פאַר יענעם איד:

- דו ביזט דאָך גורם אַ צער פאַר דעם קינד מיט אַזעלכע ווערטער, און דו האָסט עובר געווען אויף דעם לאו פון "לא תונו איש את עמיתו"...

**יב.** עס האָט מיר דערציילט הרה"ח רבי בנימין קאַמינער שליט"א, אַז זיין טאַטע, הרה"ח רבי ברוך ז"ל, וועלכער איז געווען פון די מקורבים פון גערער רבי'ן, הרה"ק בעל "בית ישראל" זי"ע (וועלכער האָט זיך באַנוצט מיט איהם פאַר פאַרשידענע ענינים וואָס האָבן אָנגעריהרט ציבור'ישע ענינים, א.ד.ג.), איז אַמאָל אין דער נאַכט פון ערב ראש השנה, איידער מ'איז געגאַנגען זאָגן "זכור ברית", גערופן געוואָרן צום רבי'ן (ס'איז געווען דאָס איינציגע מאָל וואָס דער רבי, דער "בית ישראל", האָט פאַרשפּעטיגט אַריינצוקומען צו "זכור ברית").

דער "בית ישראל" האָט דערציילט פאַר ר' ברוך, אַז צווישן דעם עולם געפינט זיך אַ יונגערמאַן, וואָס ביי זיין געבורט, האָט מען ליידער נישט באַשטימט פאַר איהם פון הימל אַ מאָס פון שכל און פאַרשטאַנד אַזוי ווי פאַר אַנדערע מענטשן, נאָר ווייניגער, בכמות און באיכות. ממילא, ווען ער איז געקומען אין די יאָרן, האָט ער אויך געמוזט נעמען אַ מיידל וואָס איז ליידער נישט געבענטשט געוואָרן מיט צופיל שכל. אין לעבן איז אָבער אַלעס צוגעגאַנגען ביי זיי מער-ווייניגער כשורה, און בעזהשי"ת, זענען ביי זיי געבוירן געוואָרן צוויי קינדער.

אַלעס איז צוגעגאַנגען גלאַטיג, ביז עטליכע טעג פריער, ווען דער שווער האָט געדאַרפט שיקן אַ פעקל צו זיין איידים, וועלכער וואוינט אין אַן אַנדערער שטאָט, און ער איז צוגעפאָרן צו דער הויפט באַס-סטאַנציע, און דאָרט געזוכט אַ היימישן איד וואָס פאָרט אין דער שטאָט וואו עס וואוינט זיין איידים. ווען ער האָט ענדליך געטראָפן איינעם, האָט ער איהם געבעטן איבערצוגעבן דאָס פעקל פאַר זיין איידים, "פלוני בן פלוני". כדי יענער זאָל פאַרשטיין פון וועמען מ'רעדט, האָט ער געפרעגט דעם שליח צי ער קען יענעם יונגערמאַן... האָט יענער געפרעגט: "וועמען? דעם משוגע'נעם?"... און ער האָט גענומען דאָס פעקל. שפּעטער, האָט דער שווער גענומען טראַכטן צו זיך, "אָט אַזוי באַצייכנט מען מיך, אַלס דעם שווער פון יענעם משוגענעם?... ניין, און ניין! כ'וועל בשום-אופן נישט צולאָזן אַזאַ שאַנדע אין מיין משפחה!..." (ווי עס ווייזט אויס, איז אויך דער שכל פונעם שווער נישט געווען איבעריג "ברייט"...).

דער שווער האָט אַלזאָ באַשלאָסן: "זה היום עשה ה'" - היינט וועט דער איידעם מוזן געבן אַ גט, באַפרייען מיין טאָכטער פון זיין געבונדן אין די הענט פון אַ משוגענעם ל"ע. אַלזאָ, האָט דער "בית ישראל" געבעטן ר' ברוך קאַמינער, ער זאָל זעהן צו מאַכן שלום צווישן דעם שווער און דעם איידעם.

ר' ברוך האָט תיכף ומיד זיך גענומען אַרבעטן דערויף, אָבערליידער איז ער נישט געווען דערפאָלגרייך, ווייל ער האָט דאָך דאָ געדאַרפט האַנדלען מיט "דריי שותפים": די פרוי, איר טאַטע, און איר מאַמע... צוויי פון די "שותפים" האָבן שוין איינגעשטימט צוריקצושטעלן דעם שלום בית, אָבער איינער האָט נישט מסכים געווען, און ביז אַ קורצע צייט, האָט דער מאַן געגעבן אַ גט פאַר זיין פרוי. דער סוף איז געווען, אַז זייערע צוויי קינדער זענען שפּעטער אַרויס לתרבות רעה רח"ל.

אַז מ'טראַכט גוט אַריין אין דער געשיכטע, שטייט אַ איד ביי אַ באַס-סטאַנציע, און ער פרעגט תמימות'דיג צי מ'רעדט דאָ וועגן "יענעם משוגענעם"... און מיט די איינצעלע ווערטער, האָט ער גורם געווען צו אַ "חורבן הבית" - צום חורבן פון אַ אידישע שטוב רח"ל. דער מאַן און זיין פרוי זענען נעבעך געווען געצוואונגען זיך צו גט'ן, און צוויי הייליגע נשמות - די קינדער פון דעם פאָרפאָלק, זענען ליידער געפאַלן ביז די טיפענישן פונעם שאול תחתיות רח"ל... און יענער איד ביי דער באַס-סטאַנציע, ווייסט נישט עד היום הזה, וואָס ער האָט דאָ אַלץ אָפּגעטוהן מיט צוויי ווערטער.

ר' בנימין האָט מיר אויך דערציילט, אַז דער "בית ישראל" האָט אַמאָל געפרעגט זיין טאַטן ר' ברוך, אויב ער וואוינט נאָנט צום "מושב זקנים" וויזשניץ, אין בני ברק. האָט ר' ברוך געענטפערט אַז יאָ (כאָטש ער וואוינט נישט אַזוי נאָנט, כמעט אַ האַלבע שעה צו גיין פון זיין הויז צום "מושב זקנים" אין וויזשניץ, האָט ער געענטפערט אַז ער וואוינט נישט ווייט, כדי לעשות רצון צדיק, צו קענען טוהן דעם רבינ'ס באַגער). האָט דער "בית ישראל" איהם געזאָגט:

- אין יענעם 'מושב זקנים', וואוינט אַן עלנדער מענטש, אַן 'אוד מוצל מאש', וועלכער האָט זיך געראַטעוועט פון די ביטערע צווייטע וועלט מלחמה, און ער האָט מיך געבעטן איך זאָל פאַר איהם מסדר זיין אַ חברותא צו לערנען מיט איהם יעדן טאָג. בעט איך דיר, דו זאָלסט גיין לערנען מיט דעם איד.

זעלבסט-פאַרשטענדליך, אַז ר' ברוך האָט אַזוי געטוהן. ער איז באַלד צומאָרגנס אַריבער אינעם 'מושב זקנים', און אָנגעהויבן לערנען מיט דעם איד עטליכע שעה. פון דאַן און ווייטער, איז ער יעדן טאָג געקומען לערנען מיט דעם עלנדן איד.

איינמאָל, האָט זיין שותף באַמערקט, אַז יעדעס מאָל ווען ר' ברוך קומט אַריין אינעם 'מושב זקנים', באַגריסט ער יעדן איינעם וועמען ער באַגעגנט אויפ'ן וועג צו איהם... האָט ער איהם אַלזאָ געבעטן, "דו קומסט דאָך דאָ אַהער, כדי צו לערנען מיט מיר. בעט איך דיר, בכל לשון של בקשה, דו זאָלסט דאָ קיינעם נישט באַגריסן, אויסער מיר...".

האָט ר' ברוך זיך געוואונדערט פאַרוואָס דער איד איז אַזוי בייז אויף זיינע שכנים, די אַנדערע אידן וואָס געפינען זיך דאָרט אינעם 'מושב זקנים'. האָט יענער איהם מסביר געווען:

- די אַלע אידן דאָ האָבן קרובים און פאַמיליע, נאָנטע אָדער ווייטע, וואָס קומען כסדר באַזוכן ביי זיי. יעדעס מאָל וואָס די קרובים גייען פאַרביי נעבן מיר, באַגריסן זיי מיך נישט. זיי קוקן מיך אַפילו נישט אָן... איך, וואָס כ'האָב ליידער פאַרלוירן מיין גאַנצע משפחה אין דער ביטערער מלחמה, וויל שפירן אַז ס'איז דאָ אויף דער וועלט אַ באַשעפעניש וואָס איך בין עפּעס ווערט אין זיינע אויגן. דאָס וועל איך נישט קענען שפירן, נאָר אויב דו וועסט זיך אויפפירן מיט זיי, אַזוי ווי זייערע קרובים פירן זיך מיט מיר...

(אַרויסנאַרן געלט פון אַ צווייטן), ווייל ביי "אונאת דברים", זאָגט דער פסוק, "ויראת מאלקיך".

**נאָך** זאָגט דאָרט די גמרא, "אמר רבי אלעזר, הכל נפרע (הקב"ה מהאדם) על ידי שליח חוץ מאונאה", אַלעס באַצאָלט דער אויבערשטער פאַר דעם מענטש דורך זיין שליח, אַ מלאך. אויסער אונאה - אָפּנאַרונג, ווייל עס פּאַסירט אַז דער מלאך, דער שליח, געפינט זיך ווייט, (ווי די גמרא זאָגט (ברכות ד:) 'מיכאל באחת, גבריאל בשתים, אליהו בארבע') און זיי קענען דאָך נישט פליען אזוי ווייט אויף איין מאָל. אָבער ביי אונאה באַצאָלט דער אויבערשטער אַליין, און די שטראָף איילט זיך צו קומען.

**אויך** זאָגט די גמרא דאָרט, רב חסדא האָט געזאָגט, אַלע טויערן זענען פאַרשלאָסן, אויסער די טויערן פון אונאה. דאָס הייסט, אַז דער מענטש וואָס טשעפּעט און פאַרשעמט זיין חבר, און יענער שרייט וועגן דעם צו דעם אויבערשטען, וועט זיין געשריי אַרויפגיין ביז צום כסא הכבוד. האָט רבי אבהו געזאָגט, פאַר דריי מענטשן ווערט נישט פאַרמאַכט די מחיצה (וואָס געפינט זיך אָפּצוטיילן די שכינה פון די מלאכים אין הימל - רש"י), און איינע פון זיי איז אונאה... זאָגט רש"י (ד"ה אינו ננעל), אַז דער אויבערשטער זעהט זיי שטענדיג, ביז ער באַצאָלט פאַר דעם וואָס האָט זיי געטוהן אַן עוולה.

**און** נישט נאָר וועגן "אונאת דברים" רעדט די תורה, נאָר אויך וועגן די אויפפירונג פונעם מענטש, אויך פון אַ פאַרקרימטע נאָז, און אַ 'פאַרזויערטן' פנים, דאַרף מען זיך היטן נישט צו האָבן.

**אַזוי** שרייבט רבי אליעזר ממיץ, אין ספר "יראים" (אות נא) , אַז פונקט אַזוי ווי עס איז דאָ "אונאה" ביי ווערטער, נישט מצער צו זיין אַ צווייטן מיט שלעכטע רייד, אַזוי איז דאָ "אונאה" ביי אַן "ענין רע", דאָס הייסט, ער ווייזט אַרויס פאַר אַ צווייטן אַ שלעכטע פנים[יג].

**מיר** דאַרפן שטענדיג האָבן פאַר די אויגן די ווערטער פון רש"י ז"ל אין פרשת יתרו, אויפ'ן פסוק (שמות כ, כג) "ולא תעלה במעלות על מזבחי אשר לא תגלה ערותך עליו". זאָגט רש"י אַז מיט די שטיינער טאָר מען זיך נישט פירן מיט זיי דרך בזיון, איז דאָך אַ קל וחומר, מה דאָך די שטיינער וואָס האָבן נישט קיין פאַרשטאַנד, האָט די תורה מקפיד געווען מ'זאָל זיי נישט פאַרשעמען, וויבאַלד מ'האָט אין זיי אַ צורך, דיין חבר, וואָס איז באַשאַפן געוואָרן "אין די געשטאַלט פון דיין באַשעפער", און ער איז מקפיד אויב מ'פאַרשעמט איהם, איז דאָך אַוודאי געוויס אַז מ'טאָר איהם נישט פאַרשעמען[יד].

---

ר' ברוך פלעגט שטענדיג באַוואונדערן דעם "מהות" פון אַ מענטש. דער איד האָט דאָך ליידער זיך אָנגעליטן מיט אַ "שיעור חזון איש". ער האָט פאַרלוירן זיין גאַנצע משפחה, ער הייבט זיך אויף, און ער פאָרט אַריבער קיין ירושלים, כדי צו בעטן דעם גערער רבי'ן, ער זאָל איהם ערלעדיגן אַ "שותף", און ער איז נאָך אַלץ נישט רואיג, אויב עמיצער גייט אַדורך און באַגריסט איהם נישט... אַזוי שפירט ער אַז ער איז נישט גליך מיט אַנדערע מענטשן.

**יג.** אַ חכם האָט אַמאָל געזאָגט, עס ווערט גע'פסק'ענט אין שולחן ערוך (או"ח סי' כג, ס"א) אַז דער וואָס גייט אויף אַ בית החיים דאַרף באַהאַלטן זיינע ציצית, כדי ער זאָל נישט זיין אין גדר פון אַ "לועג לרש", ווי איינער וואָס שפּעט אָפּ פון אַן אָרימאַן, וויבאַלד די נפטרים זענען פטור פון קיום מצוות ציצית. און אויב מ'האָט געזאָגט אַזאַ הלכה ביי די מענטשן וואָס געפינען זיך שוין אין גן עדן, איז דאָך אַוודאי געוויס ווי מיר דאַרפן זיך היטן ווען מיר גייען צווישן די "לעבעדיגע'... אַז מ'זאָל נישט זיין אַ "לועג לרש", יעדער איינער אויף זיין בחינה...

**יד.** פון דער אַנדערע זייט, דאַרף מען וויסן אַז אויב מען איז פאַרשעמט געוואָרן, איז דאס אַ געוואַלדיגע זכות.

הרה"ק רבי שלמה'קע זוועהילער זי"ע - יומא דהילולא כ"ו אייר - פלעגט שטאַרק אויסלויבן די גרויסקייט פון בזיונות, זאָגנדיג, אַז דער מענטש וואָס ווערט פאַרשעמט און ער ענטפערט נישט פאַר זיינע פאַרשעמער, ווערט געראַטעוועט מכל צרה וצוקה, אַפילו פון טויט רח"ל.

אויך האָט ער געזאָגט, אַז בזיונות זענען מסוגל פאַר רפואות און ישועות. און אויך איז עס אומזיסט, אַנדערש ווי אַנדערע רפואות, וועלכע קאָסטן טייער. אויף אַנדערע רפואות דאַרף מען פאַרברענגען אַ סאַך צייט ביז מ'באַקומט דעם מעדיצין, וכדומה, אָבער אויף בזיונות, דאַרף מען נישט לאַנג וואַרטן... און עס היילט אַלע שווערע קרענק רח"ל, בעסער ווי אַלע רפואות אויף דער וועלט.

הרה"ק רבי שלמה'קע זי"ע, פלעגט שטענדיג זיצן צווישן די אָרימעלייט. אַמאָל ווען ער איז געווען ביים כותל מערבי, און איז, ווי זיין שטייגער, געזעסן צווישן די אָרימע אידן, איז דאָרט אַדורכגעגאַנגען אַ נגיד'ישער איד, און האָט געטיילט צדקה פאַר די אָרימעלייט, געבענדיג יעדן איינעם פון זיי אַ מטבע. נישט ווויסנדיג אַז דאָס איז דער זוועהילער רבי, האָט ער דערלאַנגט אויך פאַר רבי שלמה'קע אַ מטבע, און רבי שלמה'קע האָט עס גענומען... ווען דער גביר איז אַוועקגעגאַנגען פון דאָרט, האָט רבי שלמה'קע געגעבן די מטבע פאַר דעם אָרימאַן וואָס איז געזעסן נעבן איהם. האָט יענער אָרימאַן געפרעגט רבי שלמה'קע'ן, "אויב איר דאַרפט נישט האָבן די מטבע, פאַרוואָס האָט איר עס גענומען?...". האָט רבי שלמה'קע געענטפערט:

- איך האָב נישט געקענט מוותר זיין אויף די בזיונות...

אַמאָל פרייטאָג נאָכמיטאָג, ווען רבי שלמה'קע איז געווען אין מקוה, און האָט דאָרט געענטפערט תשובות פאַר מענטשן אויף זייערע שאלות (ווי באַקאַנט, אַז ער פלעגט 'פראַווען', זייענדיג אין מקוה), האָט אַ איד איהם "אַריינגעזאָגט", פאַרוואָס ער מאַכט זיך נאַריש, ער טובל'ט זיך אין מקוה, און ענטפערט תשובות פאַר מענטשן... דער זוועהילער רבי האָט איהם אויסגעהערט רואיג, און גאָרנישט געענטפערט. אַ פאָר מינוט שפּעטער, איז אַ איד צוגעקומען צו רבי שלמה'קע, און געבעטן ער זאָל פועל'ן פאַר איהם אַ ישועה ווען ער טובל'ט זיך אין מקוה. האָט רבי שלמה'קע זיך גע'טובל'ט, און אַרויסקומענדיג, נאָכ'ן זיך אָנטוהן, האָט ער געזאָגט פאַר דעם איד, אַז ער האָט גע'פועל'ט פאַר איהם אַ ישועה.

שפּעטער, ווען רבי שלמה'קע איז צוריקגעקומען אַהיים פון מקוה, האָט ער געשיקט זיין משמש בקודש, החסיד המפואר ר' אלי' ראָטה זצ"ל, מיט אַ קאָנווערט ("ענוועלאָופּ") מיט געלט, ער זאָל עס טראָגן צו יענעם איד וואָס האָט איהם אָנגעשריגן אין מקוה. רבי אלי' האָט אַזוי געטוהן, און יענער האָט, זעלבסט-פאַרשטענדליך, זיך שטאַרק געפרייט מיט'ן געלט וואָס דער רבי האָט איהם געשיקט.

ווען רבי אלי' איז צוריקגעקומען און דערציילט פאַר רבי שלמה'קע, אַז דער איד האָט זיך זייער געפרייט מיט'ן געלט, האָט רבי שלמה'קע געזאָגט צו רבי אלי':

- ווען דער איד האָט מיך אָנגעשריגן און מיך אַזוי פאַרשעמט, האָב איך פאַרשטאַנען דערפון אַז ער האָט אַ צרה ל"ע (אַ קראַנקהייט רח"ל, אָרימקייט אָדער פּראָבלעמען מיט שלום בית) ביי זיך אינדערהיים, זעהענדיג אַז ער שרייט מיך אָן טראָץ דעם וואָס איך האָב איהם נישט געטוהן שלעכטס. דערפאַר האָב איך איהם געשיקט דאָס געלט...

איינער פון די מקורות פון די דערמאנטע מעשה, איז געווען דער בעל העובדא אַליין, וועלכער האָט עס דערציילט ביי אַ סעודת מלוה מלכה, צום ערשטן יאָרצייט פון רבי שלמה'קע. ומעשה שהיה, כך היה:

יענעם ערב שבת, האָט ער נישט פאַרמאָגט אַפילו איין פרוטה אויף די הוצאות צוצוגרייטן אויף שבת. ווען ער האָט זיך געגרייט צו גיין אין מקוה, האָט זיין ווייב איהם געוואָרענט, אַז אָן געלט, האָט ער נישט וואָס צוריקצוקומען אַהיים, ווייל זי וועט איהם נישט אַריינלאָזן אין שטוב... אַזוי איז ער געגאַנגען אין מקוה, מיט אַ צובראָכן האַרץ. (און דעמאָלטס האָט ער באַפאַלן רבי שלמה'קען אַז ער "פראַוועט" אין מקוה). ווען ער איז אַהיים געקומען, האָט זיין ווייב איהם טאַקע נישט אַריינגעלאָזט אין שטוב, אָבער עטליכע מינוט שפּעטער, איז רבי אלי' ראָטה געקומען מיט די געלט וואָס דער רבי האָט געשיקט, און אַזוי האָט ער געקענט פראַווען דעם שבת מתוך הרחבה, צוזאַמען מיט זיינע בני בית...

די דערמאנטע עובדא, האָט אָבער אויך אַ "סוף מעשה": צומאָרגנס, שבת אינדערפרי, ווען הרה"ק רבי שלמה'קע איז געווען אויפ'ן וועג צו די מקוה, איז צוגעקומען צו איהם אַ איד וועלכער האָט זיך מזכיר געווען אַז דער רבי זאָל איהם געדענקען לטובה ביי זיין טבילה. האָט רבי שלמה'קע איהם געהייסן קומען אַן אַנדערס מאָל (אַזוי האָט דער צדיק זיך געפירט ווען ער האָט געשפּירט אַז עס איז נישט אַ שעת הכושר צו פועל'ן פאַר אַ איד אַ ישועה. ער פלעגט בעטן מ'זאָל קומען אַן אַנדערס מאָל). האָט דער איד געפרעגט מיט דרייסטקייט:

- וואָס בין איך אַנדערש פון יענעם איד, וואָס איז נעכטן צוגעקומען צום רבי'ן אין מקוה, און דער רבי האָט פאַר איהם באַלד אויסגע'פועל'ט אַ ישועה?

האָט רבי שלמה'קע איהם געענטפערט:

- ווי נעמט מען די נעכטיגע בזיונות...

ער האָט געמיינט צו זאָגן, אַז די ישועה וואָס ער האָט גע'פועל'ט פאַר אַ איד פרייטאָג זייענדיג אין מקוה, איז עס געווען בלויז אין זכות פון די בזיונות וואָס ער האָט מקבל געווען באהבה, ווען יענער אָרימאַן האָט איהם אָנגעשריגן אין מקוה, פרעגנדיג פאַרוואָס ער מאַכט זיך "נאַריש" צו פראַווען אידן אין די מקוה...

אין ירושלים האָט געוואוינט אַ אידענע, וואָס מ'האָט איר גערופן "י... די משוגע'נע", אַ טיטול וואָס זי האָט זיך "געקויפט" און פאַרדינט "במחיר מלא". זי פלעגט שטיין אויף די גאַסן פון ירושלים און באַפאַלן מענטשן, און דער עיקר בראָך איז געווען, אַז זי האָט געוואוסט וואָס זי רעדט... (פאַר אַ ראש הכולל האָט זי געזאָגט וואָס די יונגעלייט רעדן וועגן איהם, און פאַר אַ מלמד האָט זי געזאָגט וואָס די עלטערן זאָגן וועגן איהם..., פאַר יונגעלייט - וואָס די שוויגערס זאָגן וועגן זיי...). בקיצור, אידן האָבן זיך אַ סאַך אָנגעליטן פון איר.

אין שנת תש"ח, ווען עס זענען געפלויגן די באָמבעס און קאַנאָנען אין ירושלים, און אידן האָבן זיך באַהאַלטן אין די בונקערס, איז אויסגעקומען אַז די דערמאנטע פרוי האָט זיך אויפגעהאַלטן אין דעם זעלבן בונקער ווי דער הרה"ק רבי גדלי' משה זי"ע פון זוועהיל, דער זון און ממלא מקום פון הרה"ק רבי שלמה'קע.

פאַרשטייט זיך אַז די אידן אין בונקער האָבן זיך צאמגעליטן פון די פרוי (מ'האָט געזאָגט בדרך צחות, אַז ווען די באָמבעס זענען געפלויגן איז זי געווען שטיל, צוליב פחד, אָבער ווען די באָמבעס האָבן זיך אָפּגעשטעלט, האָבן זיך אָנגעהויבן אירע "באָמבעס"...), האָבן די אָנוועזנדע אידן איר געוואָלט אַוועקשיקן איר אין אַ צווייטן בונקער, מ'מעג דאָך "מזכה זיין" אויך אַנדערע אידן "הנאה" צו האָבן פון איר...

וויבאַלד, אָבער, דער הייליגער רבי גדלי' משה האָט זיך דאָרט געפונען, האָבן זיי עס נישט געוואָלט טוהן אָן זיין רשות, און מ'האָט געפרעגט רבי גדלי' משה, צי מ'מעג אַריבערשיקן די פרוי אין אַ צווייטן בונקער. האָט רבי גדלי' משה געענטפערט:

- אַוודאי מעג מען טוישן אַ בונקער פאַר איר. זי פאַרשעמט דאָך מענטשן. איך וויל אויך אָבער דערציילן אַ קורצע מעשה, איידער מיר שיקן איר אַריבער אין אַן אַנדערן בונקער. און ער האָט דערציילט דאָס פאָלגנדע:

זיין שוועסטער, די טאָכטער פון הרה"ק רבי שלמה'קע, איז נפטר געוואָרן נאָך אין זוועהיל, על פני אביהם הק' זי"ע. זי האָט געליטן פון אַ מחלה ל"ע וואָס היץ איז געווען סכנת נפשות פאַר די סאָרט מחלה. אַמאָל האָט זי געהאַט היץ, און אַלע פעולות פון די דאָקטוירים אַראָפּצוקלאַפּן די היץ פון איר קערפּער, האָבן נישט געהאָלפן, און דער דאָקטאָר האָט איר מייאש געווען רח"ל.

האָט הרה"ק רבי שלמה'קע גענומען דעם רעזשוואָלקע, און איז אַרויס אויף די גאַס. האָט די רעביצין געפרעגט איר הייליגן מאַן, "וואו לויפסטו, ווען אונזער טאָכטער געפינט זיך אין אַזאַ מצב?!" האָט רבי שלמה'קע געענטפערט, אַז ער לויפט "זוכן בזיונות".

רבי שלמה'קע האָט דאָך געוואוסט ווי צו גיין צו באַקומען בזיונות, איז ער געגאַנגען צו אַ קליין געשעפטל וואו ס'איז געשטאַנען אַ צערודערטע אידענע, און ער האט איר געבעטן געלט פאַר שכר לימוד (אַלס רב פון שטאָט, איז רבי שלמה'קע אויך געווען ממונה אויף די תלמוד תורה אין שטאָט), און זעלבסט פאַרשטענדליך אַז יענע פרוי איז איהם באַפאַלן, "ווער ביזטו? ווער האָט דיר איינגערעדט אַז דו ביזט אַ רבי?!".

עס האָבן זיך צוזאַמענגעלאָפן מענטשן, וועלכע האָבן נישט געוואוסט צו זיי זאָלן וויינען אָדער לאַכן... און רבי שלמה'קע איז אַזוי געשטאַנען און "אַריינגעזאָטעמט" אין זיך די בזיונות. ווען רבי שלמה'קע איז אַהיימגעקומען, האָט ער געזאָגט אַז די טאָכטער וועט געזונט ווערן, וכן הוה.

אַ צייט שפּעטער איז די היץ נאָך אַמאָל צוריקגעקומען, און דער דאָקטאָר האָט ווידעראַמאָל אויפגעגעבן רח"ל. איז רבי שלמה'קע אַרויסגעלאָפן "זוכן בזיונות", אָבער ער איז צוריקגעקומען און געזאָגט אַז ער האָט נישט געטראָפן קיין בזיונות, און די טאָכטער דאַרף דעריבער האָבן גרויס רחמים. ליידער איז זי טאַקע אַוועק פון דער וועלט אין זעלבן טאָג רח"ל.

הרה"ק רבי גדלי' משה האָט אויסגעפירט דעם סיפור, זאָגנדיג:

- אַוודאי מעגט איר אַוועקשיקן די פרוי וואָס איז אונז דאָ מצער, אָבער דער טאַטע פלעגט זאָגן, אַז מיט בזיונות קויפט מען אָפּ דעם טויט ה"י. און אַז ס'איז אַזאַ שווערער מצב אין ירושלים מיט די באָמבעס, און דער רבונו של עולם האָט אונז געשיקט איין "מתנה": "י... די משוגע'נע" (וואָס זי איז אונז מזכה מיט די בזיונות וואָס זי מאַכט אונז) ווילט איר זי אַוועקשיקן?!...

אַ געוויסער גבר אלים, פלעגט אָנשרייען אין שול זיינע קינדער אויף אַ שרעקליכן אופן. קיינער האט אָבער נישט געוואַגט צו זאָגן אַ וואָרט פאַר דעם טאַטן, ווייל ער איז געווען אַ גרויסער כעסן, און מענטשן האָבן נישט געוואָלט האָבן צו טוהן מיט איהם. ווען הרה"ק רבי שלמה'קע האָט געהערט דערפון, האָט ער געשיקט רופן דעם איד, און איהם אָנגעשריגן פאַרוואָס ער שרייט אויף זיינע קינדער... האָט דער איד איהם צוריק געענטפערט מיט חוצפה:

**בחוקותי תלכו - גיין העכער און העכער אין עבודת ה'**

**אם** בחוקותי תלכו[טו], ואת מצוותי תשמרו ועשיתם אותם (כו, ג). דער מדרש זאָגט (ויק"ר פל"ה, א) הדא הוא דכתיב (תהלים קיט, נט) 'חשבתי דרכי ואשיבה רגלי אל עדותיך', דוד המלך ע"ה האָט געזאָגט צו דעם אויבערשטען, רבונו של עולם, יעדן טאָג האָב איך געטראַכט ביי זיך, איך וועל היינט גיין צו יענעם אָרט, צו יענעם הויז, אָבער מיינע פיס[טז] האָבן מיך געפירט אין די שולן און בתי מדרשים[יז], און אויף דעם האָט ער געזאָגט 'ואשיבה רגלי אל עדותיך', ע"כ.

**דער** 'חתם סופר' זי"ע זאָגט ('תורת משה', פרשתינו), על דרך רמז, דער מענטש וואָס זיין יצר הרע פּרובירט זיך שטאַרקן איבער איהם אַז ער זאָל גיין 'למקום

---

- וואָס פאַראַ רעכט האָט דער רבי מיר צו זאָגן מוסר? אייערע אייגענע טעכטער גייען דאָך נישט אָנגעטון בצניעות?...

רבי שלמה'קע האָט איהם גאָרנישט געענטפערט, נאָר געבליבן שטיין שטיל, און געשלינגען די בזיונות.

עטליכע מינוט שפּעטער, האָט רבי שלמה'קע איהם געזאָגט: וואָס זאָל איך טוהן, אַז איך האָב אינגאַנצן נישט קיין טעכטער... (זיי האָבן שוין דעמאָלס נישט געלעבט).

בכלל, האָט הרה"ק רבי שלמה'קע זי"ע געזאָגט, אַז אויב מ'נעמט פאַר זיך צופיל כבוד, איז מען גורם עס זאָל פעלן ח"ו פון אַנדערע הנאות און טובות אויף דער וועלט.

כ"ק אאמו"ר מלעלוב זי"ע, פלעגט דערציילן אַ מעשה וואָס ער האָט געהערט פון זיין טאַטן, אא"ז הרה"ק רבי משה מרדכי מלעלוב זי"ע, אַז אַמאָל איז ביי רבי שלמה'קע'ן געוועזן אַ איד, וועלכער איז געווען פון די יחסנים שבדור. רבי שלמה'קע האָט דערקענט אויף דעם איד, אַז ער גליסט נאָך אַביסל כבוד, און ער לויפט עס נאָך אויף אַ מוגזם'דיגן אופן... האָט רבי שלמה'קע געזאָגט צו דעם איד:

- וויסן זאָלט איר, ווען עס קומט אַראָפּ אויף דער וועלט אַ נשמה, קומט אַראָפּ מיט איר אַ געוויסע קצבה פון הנאות, וואָס דאָס ווערט איינגעטיילט אויף כבוד, קינדער, פרנסה, געזונט און נחת, א.א.וו. אָבער אויב מ'נעמט פאַר זיך זעלבסט כבוד מער ווי די מאָס, מאַכט מען זיך אַליין קאַליע, און מ'נעמט אַראָפּ פון די קצבה וואָס מ'האָט פאַר איהם באַשטימט פאַר אַנדערע הנאות, און וועלכער נאָר וויל דען געניסן פון כבוד, אויפ'ן חשבון פון געזונט ח"ו, אָדער אנשטאַט נחת, וכדומה...

אַמאָל, האָט אַ איד, וועלכער איז געווען אַ חשוכי בנים ל"ע, זיך מזכיר געווען פאַר הרה"ק רבי שלמה'קע אַז ער האָט פאַרלוירן אַ גרויסן סכום געלט, און ער האָט געבעטן אַ ברכה צו געפינען דאָס געלט. האָט רבי שלמה'קע איהם געזאָגט:

- ניין, ס'איז בעסער דו זאָלסט נישט געפינען דאָס געלט, נאָר אנשטאַט דעם, זאָלסטו טרעפן אַ בן זכר...

איבעריג צו זאגן, אַז אזוי איז טאַקע געוועזן. ביז אַ קורצע צייט איז דער איד נפקד געוואָרן בזרע של קיימא.

אין אַ פרייטאָג, האָט זיין שנור, די רעביצין פון הרה"ק רבי גדליה משה זי"ע, געזאגט פארן איר שווער, אַז זי האָט נאָך נישט די צרכי שבת. האָט רבי שלמה'קע איר געזאָגט: "וואָס איז שלעכט מיט ברויט און הערינג?!...". האָט די שנור געזאָגט: "דער שווער טיילט דאָך געלט פאַר אַזוי פיל משפחות אין ירושלים, זיי זאָלן האָבן אויף שבת, חלות און פיש...". האָט רבי שלמה'קע איר אָנגעשריגן, זאָגנדיג: "וואָס אַרט עס דיר, אַז אַנדערע אידן האָבן יאָ?"...

ער האָט געמיינט צו זאָגן, דו האָסט דאָך גענוג אויב דו האָסט חלה און הערינג... פאַרוואָס ביזטו מקנא אַנדערע מענטשן, אַז זיי האָבן וואָס דו האָסט נישט?

**טו.** הרה"ק בעל 'חידושי הרי"ם' זי"ע האָט געטייטשט דאָס וואָרט 'תלכו', אַז עס קומט אונז לערנען, דער מענטש זאָל זיך נישט אָפּשטעלן אויף איין אָרט, נאָר ער זאָל שטענדיג זעהן צו גיין העכער און העכער אין עבודת ה'.

**טז.** אַ וואונדערליכן רמז אין דעם ענין פון חינוך הבנים, זאָגט דער קראָקעווער רב, הגאון רבי יוסף נחמיה קאָרניצער זצ"ל ('חידושי רבי יוסף נחמיה'), לויט ווי חז"ל זאָגן (עי' עירובין ע:) 'ברא כרעא דאבוה'. דער זון איז אַזוי ווי דער 'פוס' פון זיין טאַטן. זאָגט רבי יוסף נחמיה, אַז דוד המלך ע"ה האָט געזאָגט, עס איז מיר אַסאַך מאָל געקומען אויפ'ן געדאַנק צו גיין ערלעדיגן פאַרשידענע גשמיות'דיגע זאַכן (אויך וויכטיגע ענינים), אָבער איך האָב זיך באַלד באַרעכנט, אַז אויב איך וועל זיך נישט שטאַרקן צו גיין אין שול אַריין, וועלן דאָך מיינע קינדער זיך אָפּלערנען פון מיר, און

פלוני', און 'לבית פלוני', און אַזוי וועט ער מבטל זיין פון לימוד התורה און ענליכע מניעות, דאַרף ער באַלד גיין אין בית המדרש אַריין. ער זאָל זיך נישט אויפהאַלטן אפילו אַ סעקונדע מיט מאַכן 'הכנות' דערצו, ווייל דערווייל קען זיין גוטער רצון צו גיין לערנען אָדער דאַווענען, 'אויסרינען' און עס וועט נישט צושטאַנד קומען.

**אָבער** 'אם בחוקותי תלכו', אויב איר וועט האָבן אַ רצון נאָר צו דינען דעם אויבערשטן, עס וועט אייך נישט גליסטן צו גיין אויף אַנדערע וועגן, ממילא וועט דער יצר הרע נישט געוועלטיגן אויף אייך, און דאַן וועט מקוים ווערן, 'ואת מצוותי 'תשמרו', פון לשון וואַרטן [ואביו 'שמר' את הדבר], דאַן איז יאָ בעסער צו טוהן די מצוה מיט רואיגקייט און מיט אַ הכנה, ווי חז"ל זאָגן אַז די חסידים הראשונים פלעגן זיך אויפהאַלטן פאַר'ן דאַווענען 'שעה אחת'. אָבער איינער וואָס האָט אַ יצר הרע, טאָר נישט אָפּשטופּן די מעשה המצוה, נאָר ער זאָל עס טוהן תיכף ומיד, ווי די מאמר חז"ל 'לעולם ירוץ אדם לדבר מצוה'.

**עס** איז באַקאַנט וואָס עס שרייבט דער רמב"ן ז"ל (אמונה ובטחון, פי"ט) אויפ'ן פסוק (שה"ש ב, ז) 'אם תעירו ואם תעוררו את האהבה עד שתחפץ', ווען דער מענטש האָט אַ געפיל פון התעוררות צו אהבת ה' און צו יראת ה', זאָל ער מאַכן אַ 'כלי' דערפאַר דורך מקיים זיין אַ מצוה אָדער לערנען תורה, כדי די הייליגע געפילן זאָלן זיך האַלטן ביי איהם אויך ווייטער.

**דאָס** איז די כוונה פון פסוק, 'אם תעירו ואם תעוררו את האהבה' - אויב עס וועט נתעורר אין מענטש די מדה פון אהבת ה'. 'עד שתחפץ' - זאָל ער זעהן צו מאַכן אַ 'חפץ' און אַ 'כלי' פאַר די התעוררות צו עבודת השם יתברך, כדי עס זאָל נישט אויסוועפן און פאַרשווינדן אַזוי שנעל ווי ס'איז אָנגעקומען[יח].

---

זיי וועלן חלילה פאַלן פון זייער מדריגה אין רוחניות. די דאָזיגע ידיעה האָט מיך צוריקגעהאַלטן פון גיין האַנדלען.

דאָס זאָגט דוד המלך ע"ה, והיו 'רגלי' מוליכות אותי לבתי כנסיות ולבתי מדרשות, צוליב מיינע קינדער (וואָס ווערן אָנגערופן דער 'פוס' פון זייער טאַטן) בין איך געגאַנגען אין בית המדרש לערנען.

דאָס איז אַ מוסר השכל פאַר יעדן טאַטן, זיך צו היטן וואו ער גייט (אוודאי קומען מיר דאָ נישט זאָגן פאַר קיינעם אַז ער זאָל נישט גיין האַנדלען פאַר פרנסה לעת הצורך, נאָר מ'דאַרף וויסן און געדענקען שטענדיג וואָס ס'איז דער עיקר, און וואָס ס'איז דער טפל).

**יז.** דער גערער רבי, הרה"ק בעל 'פני מנחם' זצ"ל, האָט געפרעגט, פאַרוואָס האָבן די פיס פון דוד המלך ע"ה איהם געפירט אין די שולן? ער האָט דאָך געקענט לערנען אויך אין יענע דירה וואו ער האָט געוואָלט גיין. נאָר פון דעם לערנען מיר, אַז דער עיקר לימוד התורה דאַרף זיין אין בית המדרש, וואו עס איז אַן אָרט פון קדושה און טהרה.

הגה"ק בעל 'יסוד ושורש העבודה' זי"ע, האָט אויף דער עלטער געהאַט שוועריגקייטן צו גיין אין שול דאַווענען, און עס איז איהם אָנגעקומען זייער שווער. האָט די רעביצין איהם אַמאָל געפרעגט, פאַרוואָס ער דאַרף זיך אַזוי אָנשטרענגען צו גיין אין שול דאַווענען, מ'קען דאָך ברענגען אַ מנין אידן צו דאַווענען אין זייער היים אַלע דריי תפילות, און אַזוי וועט ער זיך נישט דאַרפן איבערשטרענגען צו גיין אין שול? האָט איר הייליגער מאַן איר געענטפערט:

- ווען דו באַקסט אָפּ אַ קוגעל לכבוד שבת, טוסטו עס אויך צוגרייטן אין אַן אַלטן טאָפּ, וואו ס'איז אין לויף פון די יאָרן שוין איינגעשלינגען געוואָרן אַסאַך אויל, און דאָס גיט אַריין אַ בעסערן טעם אין דעם קוגעל. דאָס זעלבע איז מיט'ן בית המדרש. דאָרט זענען די ווענט 'איינגעזאַפּט' מיט תורה און תפילות פון אַסאַך יאָרן, און ממילא, ווערן די תפילות דאָרט ענדערש אָנגענומען פאַר'ן אויבערשטען ברוך הוא...

**יח.** די משנה זאָגט (אבות פ"ו, מ"ב) אַז יעדן טאָג גייט אַרויס אַ 'בת קול' פון 'באַרג חורב' (סיני) און רופט אויס, 'אוי להם לבריות מעלבונה של תורה' - וויי איז פאַר די פאַרשעמונג רח"ל פון די תורה. האָט דער הייליגער בעל שם טוב זי"ע געפרעגט, ממה נפשך, אויב דער 'בת קול' גייט אַרויס, פאַרוואָס הערן נישט די מענטשן פון דער וועלט, דעם 'בת קול'? און אויב עס ווערט נישט געהערט, פאַר וועלכן צוועק דאַרף עס אַרויסגיין?

האָט דער בעל שם טוב הקדוש זי"ע געענטפערט, אַז דער 'בת קול' רופט אַרויס די מחשבה פון תשובה אין די הערצער פון די מענטשן יעדן טאָג. ווייל מיט זיין גרויסע רחמנות, וויל דער אויבערשטער מעורר זיין דעם מענטש צו תשובה, און וועגן דעם גייט אַרויס אַ 'בת קול', און עס ווערט טאַקע געהערט אין האַרץ. דער מענטש וואָס

**ערכי עלי - דער בוכ"ע איז זייער שטאַרק מחשיב די רצונות און השתוקקות**

**אין** דער היינטיגער סדרה, האָט די תורה געשטעלט די פרשה פון 'ערכין', נאָנט צו די פרשה פון די 'תוכחה'. האָט דער הייליגער רבי פון לובלין זי"ע געזאָגט ('אבני זכרון', ערך התחזקות, וספה"ק 'מי השילוח'), אַז די תורה האָט חושש געווען, אַז ווען דער מענטש וועט הערן אַזאַ שרעקליכע 'תוכחה' ח"ו, וועט ער ווערן געפאַלן ביי זיך, און ער וועט טראַכטן, איך האָב דאָך נישט קיין שום ווערד און חשיבות.

**צוליב** דעם איז באַלד געשטעלט געוואָרן די פרשה פון 'ערכין', אונז צו לערנען, אַז ס'איז נישט דאָ אַ מענטש וואָס האָט נישט אַ ווערד. דער מענטש זאָל נישט זאָגן 'איך בין דאָך גאָרנישט ווערד', ווייל דער אויבערשטער האָט ליב יעדן איד, אַזוי ווי אַ טאַטע וואָס האָט ליב זיין איינציגן זון[ט]. אין יעדן מצב וואָס ער זאָל נאָר נישט זיין, טוט דער אויבערשטער גליסטן אין איהם, און ער וויל ער זאָל פאַרבעסערן זיינע וועגן[כ]. אפי' אויב ער איז געגאַנגען צו-ווייט רח"ל[כא], קען ער

---

האָט שכל, איז באַלד ווען ער האָט אַ הרהור תשובה, פאַרשטייט ער אַז דאָס איז פון דעם 'בת קול' וואָס האָט אויסגערופן אַז ער זאָל תשובה טוהן, און ער טוט תיכף תשובה. דער שוטה אָבער פאַרלירט וואָס מ'גיט איהם, ער נוצט נישט אויס די געלעגנהייט וואָס דער באַשעפער, דער 'מלך מלכי המלכים', האָט איהם געגעבן אַזאַ 'אוצר' צו קענען תשובה טוהן, און ער וואַרפט אַוועק די מתנה וואָס דער קעניג האָט איהם געשאָנקען... ('תולדות יעקב יוסף', פ' צו, 'דגל מחנה אפרים', ויקרא)

**יט.** די גמרא זאָגט (סנהדרין עא.) רבי שמעון בן יוחאי זאָגט, 'בן סורר ומורה, לא היה ולא עתיד להיות'. ס'איז קיינמאָל נישט געווען און עס וועט קיינמאָל נישט זיין אַ 'בן סורר ומורה', נאָר עס איז געשריבן געוואָרן אין דער תורה, כדי מ'זאָל באַקומען שכר פאַר לערנען וועגן דעם.

זאָגן די ספרים, די גמרא זאָגט (סנהדרין דאָרט, עמוד ב') אַ טעם פאַרוואָס דער 'בן סורר ומורה' איז חייב מיתה כאָטש ער האָט נישט געטוהן קיין עבירות וואָס מ'באַקומט דערפאַר מיתה, ווייל די תורה האָט איהם אָפּגעשאַצט, אַז לויט זיין פירונג, וועט ער צום סוף זיצן אויף אַ שיידוועג און באַרויבן מענטשן. האָט די תורה געזאָגט, ס'איז בעסער ער זאָל שטאַרבן ווען ער איז נאָך יונג, און ער איז נאָך 'זכאי', און נישט שטאַרבן שפּעטער, ווען ער וועט שוין טאַקע זיין חייב. אויף דעם זאָגט רבי שמעון בן יוחאי, 'לא היה ולא עתיד להיות', ווייל ס'איז נישט מעגליך אַ מציאות אַז מ'זאָל זאָל שוין יעצט באַשליסן וועגן אַ איד, אַז ער וועט זיכער אָנקומען צו זיין חייב מיתה ח"ו, ווייל אויך דער גרעסטער רשע האָט האָפענונג צו פאַרבעסערן זיינע וועגן. 'כי לא תשכח מפי זרעו'.

דער מקור דערפון איז, פון די ווערטער פונעם 'ספר החיים' (להג"ר חיים בצלאל זצ"ל, אחי המהר"ל זצ"ל), וואָס ער שרייבט (גאולה וישועה, פ"ה) וועגן די פרשה פון 'בן סורר ומורה', לויט ווי עס שטייט אין זוהר הקדוש (ח"ג קצז:) אַז די פרשה פון 'בן סורר ומורה' איז מרמז פאַר אידישע קינדער, אַז זיי זענען אַזוי ווי 'בנים סוררים' ח"ו (ווען זיי פירן זיך נישט ערליך), און דאָס איז אַ זאַך וואָס 'לא היה, ולא עתיד להיות' - ווייל ס'איז קיינמאָל נישט איינגעפאַלן אונזער ליבן טאַטן אין הימל אויסצוטוישן אידן אויף אַן אַנדער פאָלק.

**כ.** ס'איז באַקאַנט די קשיא וואָס עס פרעגן די קדמונים (ביאור רבי סעדי' גאון, פרשתינו, ספר החינוך בהקדמה) פאַרוואָס האָט די תורה אַרויסגעשריבן שכר פאַר קיום המצוות, נאָר גשמיות'דיגע זאַכן פון עולם הזה. צום ביישפּיל, אין דער היינטיגער סדרה, 'ונתתי גשמיכם בעתם, ונתנה הארץ יבולה ועץ השדה יתן פריו', און עס ווערט נישט דערמאַנט אַ רוחניות'דיגער שכר, אַז דער אויבערשטער באַצאָלט מיט געבן עולם הבא אויב מ'איז מקיים די מצוות פון דער תורה.

ענטפערט הרה"ק בעל 'תורת חיים' זי"ע פון קאָסוב, אַז אויב די תורה וואָלט געשריבן אַז דער וואָס טוט דעם אויבערשטען'ס רצון איז זוכה אַריינצוגיין אין גן עדן, וואָלט מען געדאַרפט זאָגן אויך פאַרקערט, אַז אויב מ'וועט חלילה עובר זיין אויפ'ן אויבערשטען'ס רצון, וועט מען געשטראָפט ווערן און מ'וועט חלילה פאַרלירן האָפענונג... דאָס איז אָבער נישט דער רצון פון דעם אויבערשטען ברוך הוא, נאָר ער וויל טוהן גוטס מיט דעם מענטש אַפילו נאָך אַסאַך גלגולים, 'כי לא ידח ממנו נידח'. אויב די תורה וואָלט אַרויסגעשריבן אַן עונש ח"ו ברוחניות, וואָלט ח"ו געמוזט זיין אַזוי. וועגן דעם האָט די תורה געשריבן שכר ועונש נאָר ביי גשמיות'דיגע ענינים, און ממילא, וועט דער עונש נישט אַראָפּנעמען ח"ו פון דעם חלק פון יעדן איד אין עולם הבא.

**כא.** הרה"ק רבי ברוך'ל קאָסוב'ער זי"ע האָט געזאָגט אויפ'ן פסוק (דברים כג, ח) 'לא תתעב אדומי כי אחיך הוא'. כ"י אחי"ך איז ראשי תיבות א'ם י'היו ח'טאיכם כ'שנים כ'שלג י'לבינו (ישעיה א, יח). קומט דער פסוק אונז צו לערנען,

דער מענטש טאָר נישט ווערן מיואש ווען ער שפירט אַז ער איז אין אַ נידעריגע מדריגה, ווייל דער

תשובה טוהן[כב], און דער אויבערשטער וועט אָננעמען זיין תשובה מיט ליבשאַפט[כג].

---

'לא תתעב אדומי', אויך אויב דער מענטש איז שוין חלילה 'רויט' און פאַרשמירט פון עבירות רח"ל ('אדומי'), זאָל ער זיך נישט אַליין פאַר'מיאוס'ן ('לא תתעב'), צו טראַכטן אַז ער וועט ח"ו אייביג בלייבן 'רויט' און מיאוס פאַר דעם באַשעפער, נאָר ער זאָל תשובה טוהן און זיך שטאַרקן פון יעצט און ווייטער. אזוי וועט ער זוכה זיין אַז ס'זאל מקוים ווערן ביי איהם דער סוף פונעם פסוק, 'כי אחיך' - א'ם י'היו ח'טאיכם כ'שנים כ'שלג י'לבינו.

לויט דעם האָט דער 'בית ישראל' געטייטשט דעם פסוק אין דער היינטיגער סדרה (כו, מא) 'והבאתי אותם בארץ אויביהם או אז יכנע לבבם הערל, ואז ירצו את עוונם', ס'איז דאָך באַקאַנט אַז ווען דער מענטש טוט תשובה ווערן זיינע עבירות איבערגעדרייט צו מצוות, און כביכול 'ירצו את עוונם', דער אויבערשטער וועט ווערן מרוצה און ער וועט זיך פרייען מיט די עבירות וואָס זיי האָבן פריער געטוהן, ווייל זיי וועלן ווערן איבערגעדרייט צו מצוות.

**כב.** הרה"ק רבי משה'לע קאָזשניצער זי"ע זאָגט ('דעת משה', פ' בהר) אויפ'ן פסוק אין דער היינטיגער סדרה, בהר (ויקרא כה, כט) 'ואיש כי ימכור בית מושב עיר חומה, והיתה גאולתו עד תום שנת ממכרו'. די גמרא זאָגט (נדרים לב:) אַז דער גוף פונעם מענטש ווערט אָנגערופן 'עיר'. איז דער פסוק דאָ מרמז, אַז באמת וואָלט דער מענטש געדאַרפט זיין אַ 'בית מושב' פאַר די קדושה, און אויך צו זיין אַ פעסטע 'חומה' - אַ מויער קעגן דעם יצר הרע, נאָר וויבאַלד ער האָט נעבעך 'פאַרקויפט' זיין גוף ('עיר') צום יצר הרע רח"ל, זאָגט דער פסוק: 'והיתה גאולתו עד תום שנת ממכרו'. 'שנת' איז פון לשון שינוי (ענדערונג). דאָס הייסט, דער מענטש זאָל ענדערן זיינע וועגן צום גוטן, פון דעם וואָס ער האָט עס ביז יעצט 'פאַרקויפט'.

שרייבט הרה"ק רבי משה'לע קאָזשניצער זי"ע ווייטער: ספּעציעל אין די יעצטיגע טעג פון ספירת העומר, איז יעדער איינער אַוודאי מחויב צו פאַררעכטן און איבערדרייען אַלעס צום גוטן, וכו'. אָבער כדי דער מענטש זאָל נישט זאָגן אַז וויבאַלד עס זענען שוין אַריבערגעגאַנגען אַזוי פיל וואָכן און ער האָט נאָך נישט פאַראַכטן וואָס ער דאַרף פאַררעכטן, וועט ער זיך חלילה מייאש זיין אַז ער קען מער גאָרנישט פאַררעכטן, אויף דעם זאָגט דער פסוק: 'עד ממחרת השבת השביעית תספרו חמישים יום' - ביז דעם לעצטן טאָג פון די ספירה, קען מען נאָך פאַררעכטן און באַלייכטן אַלע פופציג טעג אויף איינמאָל ('תספרו' איז פון לשון באַלייכטן). דאָס איז דער פסוק מרמז: 'עד תום שנת ממכרו', ביז עס ענדיגן זיך ('עד תום') די ספירה-טעג, קען מען מקיים זיין 'שנת' - משנה זיין, 'ממכרו' - דאָס וואָס ער האָט זיךליידער 'פאַרקויפט' פאַר'ן יצר ביז יעצט. ער קען נאָך אַלץ תשובה טוהן מיט אַ געהעריגע חרטה, און דאַן וועט אַלעס איבערגעדרייט ווערן צום גוטן, עכ"ל.

**כג.** דער מדרש זאָגט (ויק"ר פל"ה, א) אַז באמת זענען די ברכות אין פרשת בחוקותי, מער ווי די קללות, ווייל די ברכות הייבן זיך אָן מיט'ן אות אל"ף ('אם בחוקותי תלכו'), און ענדיגן זיך מיט'ן אות תי"ו ('ואולך אתכם קוממיות'). פון דעם זעהען מיר, אַז די ברכות וועלן זיין בשלימות - 'פון אַל"ף ביז תי"ו'. אָבער די קללות פאַנגען זיך אָן מיט'ן אות וא"ו ('ואם לא תשמעו'), און לאָזן זיך אויס מיט אַן אות ה"א ('דיבר ה' את משה'). די צוויי אותיות, וא"ו און ה"א, זענען איינער לעבן אַנדערן, און זיי זענען נישט לויט'ן סדר (וואָס אין דער אל"ף-בי"ת, איז דער ה"א פאַר דעם וא"ו). דאָס איז אַ רמז, אַז די תוכחה איז 'שלא כסדרן', נישט לויט'ן סדר. דאַרף מען פאַרשטיין דעם חילוק, אויב עס איז לויט'ן סדר פון די אל"ף-בי"ת, אָדער נישט.

זאָגט דער דובנער מגיד זצ"ל, מיט אַ משל כדרכו: אַ רייכער מאַן האָט געלאָזט אויפנייען פאַר זיין יונגען זון אַ טייערן קלייד, געוועבט מיט גאָלדענע און זילבערנע פעדימער, און מיט אַנדערע טייערע זאַכן. דאָס קינד האָט זיך טאַקע געפרייט מיט'ן טייערן קלייד, און ער האָט אַכטונג געגעבן דערויף. נאָך עטליכע טעג, האָט ער אָבער שוין וויינינגער געהיטן אויפ'ן אנצוג, און עס איז געוואָרן פאַרשמירט. ווען זיין רייכער פאָטער האָט עס געזעהן, האָט ער איבערגעדרייט דעם קלייד, מ'זאָל זעהן פון דרויסן נאָר דעם אינעווייניגסטן טייל, אַזוי אז אנשטאט מ'זאָל זעהן פון דרויסן גאָלדענע און זילבערנע פעדימער, האָט מען געזעהן אַ 'צעריסענעם' און 'אויפגעטרענטן' קלייד.

אין אַ טאָג, האָט אַ ידיד פונעם טאַטן געזעהן ווי דאָס קינד גייט מיט אַ צעריסענעם קלייד. איז ער צוגעגאַנגען צום טאַטן, און איהם גוט 'אַריינגעזאָגט', פאַרוואָס ער קאַרגט אַזוי אויף זיין געלט, און ער קויפט נישט אַ שיינעם בגד פאַר זיין זון... האָט דער רייכער טאַטע געענטפערט פאַר זיין ידיד: מיין קינד'ס אנצוג איז טייער און שיין, נאָר

אויבערשטער איז זייער שטאַרק מחשיב זיין עצם גליסטן צו איהם, און ער נעמט אָן מיט ליבשאַפט זיינע רצונות און זיין השתוקקות זיך צו דערנענטערן צו דעם אויבערשטען.

**אַזוי** טייטשט דער ראָפּשיצער רב זי״ע (׳זרע קודש׳, פ׳ וארא) דעם פסוק אין דער היינטיגער סדרה (כו, מד) ׳ואף גם זאת בהיותם בארץ אויביהם לא מאסתים ולא געלתים לכלתם׳ וגו׳. זאָגט דער ראָפּשיצער רב, אַז דער פסוק איז מרמז, אויך ווען די אידן זענען חלילה דערווייטערט פון דעם אויבערשטען, ׳לא מאסתים ולא געלתים׳ - האָט ער זיך נישט פאַר׳מיאוס׳ט אין זיי. זיין ליבשאַפט פאַר זיי איז געבליבן גאַנץ. פאַרוואָס? ווייל ׳לכלתם׳ - צוליב זייער תשוקה פאַר איהם (׳לכלתם׳ איז פון לשון ׳כלות׳ הנפש). דער אויבערשטער זעהט ווי דער מענטש גליסט צו רעדן צו דעם אויבערשטען ברוך הוא, ספּעציעל ווען אידישע קינדער שרייען אַז זיי גליסטן מתפלל צו זיין צו דעם אויבערשטען, מיט׳ן גאַנצן האַרץ און נשמה, נאָר זיי זענען ליידער נישט בכוח דאָס צו טוהן. אַזאַ פּשוט׳ע תפילה איז בכח אויפצוטוהן גרויסע זאַכן.

**שרייבט** דער ראָפּשיצער רב ווייטער, אַז צוליב דעם טאָר אַ איד זיך קיינמאָל נישט מייאש זיין, ער זאָל נישט זאָגן, איך בין חלילה אָפּגעריסן און אָפּגעהאַקט פון דעם אויבערשטען׳ס קדושה. ער קען אויך מאַכן פאַר זיך אַליין אַ תפילה, ער זאָל שרייען און בעטן דעם אויבערשטען איבער דעם וואָס ער איז געוואָרן אַזוי ווייט פון איהם, אַז ער קען נישט אַרויסזאָגן אַ וואָרט פאַר דעם אויבערשטען ווי ס׳דאַרף צו זיין. ער זאָל בעטן ברחמים ובתחנונים אַז דער אויבערשטער זאָל רחמנות האָבן אויף איהם, ער זאָל קענען דאַווענען פאַר איהם, און ער זאָל האָבן דעם ריכטיגן כח הדיבור צו קענען מתפלל זיין. ׳ובוודאי יעזרהו יתברך שמו׳ - און דער אויבערשטער ברוך הוא וועט איהם זיכער העלפן, עכל״ק.

**דער** אויבערשטער זאָל העלפן, עס זאָל ביי אונז מקוים ווערן די ברכה ׳ואולך אתכם קוממיות׳, ער זאָל אונז פירן על מי מנוחות[כד], מתוך שפע רב עד בלי די, ובא לציון גואל במהרה בימינו, אמן.

---

וויבאַלד מיין זון האָט נישט געהאַט גענוג שכל עס צו היטן געהעריג, האָב איך עס איבערגעדרייט אַז דער אינעווייניגסטער טייל זאָל געזעהן ווערן פון דרויסן. אין דער מינוט ווען ער וועט אָנהייבן ווייטער היטן דעם אנצוג אַז עס זאָל נישט ווערן פאַרשמירט, וועל איך עס צוריק איבערדרייען אַז יעדער זאָל קענען זעהן וואָס פאַראַ שיינער אנצוג דאָס איז.

דער נמשל איז פאַרשטענדליך. דער אויבערשטער, אונזער ליבער דערבאַרימדיגער פאָטער, האָט אונז געשאָנקען אַ טייערע מתנה פון זיינע אוצרות - די הייליגע תורה. נאָר אויב אידן היטן חלילה נישט די מצוות פון דער תורה ווי געהעריג, טוט דער אויבערשטער כביכול איבערדרייען די ברכה צו אַ קללה ח״ו.

דאָס איז מרומז אין די ווערטער פונעם מדרש, אַז די ווערטער פון די תוכחה זענען ׳איבערגעדרייט׳. דאָס הייסט, אַז די ברכה אַליין ווערט איבערגעדרייט צו אַ קללה ח״ו, אָבער עס זעהט נאָר אויס אַזוי אויבנאויף. דאָס איז אַ גרויסע טובה פאַר אידישע קינדער, ווייל אין דער מינוט ווען זיי וועלן תשובה טוהן, וועט די קללה אַליין איבערגעדרייט ווערן צו אַ ברכה אַזוי ווי פריער. זיי וועלן נישט דאַרפן זוכן די ברכה פון אַן אַנדער אָרט, ע״כ.

**כד.** דער הייליגער ׳קדושת לוי׳ זי״ע שרייבט, אויפ׳ן פסוק אין דער היינטיגער סדרה (כו, טז) ׳והפקדתי עליכם בהלה׳.

׳והפקדתי׳ איז פון לשון חסרון [ווי דער פסוק זאָגט (ש״א כ, כה) ׳ויפקד מקום דוד׳]. האָט דער אויבערשטער דאָ מרמז געווען אין דער תוכחה אַ ברכה פאַר אידישע קינדער, אַז דער אויבערשטער וועט מאַכן פעלן פון אידן אַלע סאָרטן בהלות און פחדים, אַז אידישע קינדער זאָלן אָפּגעהיטן ווערן דערפון. אידן זאָלן אייביג האָבן שלום ושלוה, אמן.